STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10106

A LOYB UN A DANK

Yitshak Elhanan Rontsh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק אלחנן ראָנטש

אַ לויב
און
אַ דאַנק

פּאָעמעס און לידער

צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל

THE RABBI SIMON HEVESI
JEWISH HERITAGE LIBRARY

אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.
1981

100

מיין ליבֿער

מרים עלקע

פאָלגנדיקע ווערק פון י. א. ראָנטש זיינען גרייט צום דרוק:

1. ראָמאַן „די קאָלאָניע" (זעקס הונדערט זייטן)
2. די שלום גאָלדין דערציילונגען.
3. אַמעריקאַנער יידישע העלדן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.
4. אינטימע פערזענלעכקייטן: (מאַרק, בעלאַ, און אידאַ שאַגאַל, מ. אָלגין, גינאַ מעדעם, קלמן מרמר, משה כץ, איציק פעפער, שלמה מיכאָעלס, א. ליטווין, ז. וויינפער, א. אַ.)
5. יידישע שרייבער אויף קעסט ביי אָנקל סעם.
6. וואונדער פון וואַנדער (רייזע איינדרוקן).
7. אַלע ווילן עסן (קינדער דערציילונגען).
8. אין דער יידישער ביכער־וועלט.
9. דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן.
10. אַ באַנד פּאָעמעס.

עקזעקוטיווע פון ראָנטש בוך קאָמיטעט:

אייב ווייזלמאַן, ערן־פּאָרזיצער
הערשל קאָהען, פּאָרזיצער
חיים בוקרינסקי, פינאַנץ סעקרעטאַר
אייב דאָבינס, קאָרעקטור
משה שעק, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר

מיני ריווקין; דזשאָ גרינשפּאַן; סעם און סעלמאַ גרינבערג; הערי ראָבינס; אהרן קוירטמאַן, חיים שוואַרץ, דזשאָו קאָרן; די בראָדיס; רחל קליינערט; מיכאָעלס קרייז; ראָנטש לייען קרייז; רפאל און שרה פּאָזנער, אייב בערנשטיין.

מיטגלידער פון בוך קאמיטעט:

מאַרק אַלף (ניו־יאָרק); עוועלין אַלעקסאַנדער און פסח; יואל און טעמע פיגגערהוט, אין אָנדענק פון טאָכטער ראָזע גוד; שרה גאָלדוואַלד, אין אָנדענק פון חיים; חיה רחל אַנדערס (דאַלאַס, טעקסעס); נעלי, אין אָנדענק פון יעקב אַשפּיז; אייב אַדלער; קלאַראַ בלומענפעלד, סעם און פאַניע בערנשטיין; משה בלאַט, אין אָנדענק פון עלקען; סאָפי בענק, אין אָנדענק פון מאַקס; מרים בראַון; די בראָנפמאַנס; בעקי בערגמאַן; שרה גוטפריינט, אין אָנדענק פון זשאַק; בען בענעוויץ, אין אָנדענק פון חיה; דייוו און בעלאַ דוואָרין; סעם און העלען דראַזנין; זעלדע האָזענבערג; הערמאַן הערץ; טשאַרלס וועקסלער; דוד און מרס. טאַשמאַן; י. לאַקרעץ; ראָוז און דזשעק פעלדמאַן; מאַלי דאַרדיק, אין אָנדענק פון סעם; באָריס און אידיט סווידער; ראָוז און בען קליינבאַרד; איוואַ פראַנצבלוי און טעד; נייטן קאַרפּילאָוו און טאָכטער סיליאַ; אַנעט קראָמאַן; אַבראַשאַ מאַרקס; מאַקס און פלאָרענס סטראַסבורגער; פרידאַ קינג; שרה לעוויטאָוו, אין אָנדענק פון זון אייב; פאָלאַ קאָרן; ישראל און חנה פריד; רעגינאַ; סאָפי קלערמאַן, אין אָנדענק פון מוני; העלען; דזשולס ספלאווער; א. סאָבעל; הערי לעין; נייטן און ענא שאַפּיראָ (שעפ); נייטן און כיענע קאָהען; אסתר רייף, אין אָנדענק פון חיים; מערי טשאַנסקי; שמואל סטיין (מילוואָקי); ס. קופּערמאַן; מעקס וואָלמאַן; בערנאַרד און צעלין וואָלקאָס; גאָלדע קאַלמוס, אין אָנדענק פון סידני; יעטע און באָריס גורשטיין; בעטינא און דזשעק דינצער; ביטריס גרעיביר; חנה סאַפּראַן און לואי ביאַלי; ראָוז זאַלץ, אין אָנדענק פון מיכאל; די זאַמלס; צירל דאָבינס; חנה בוקרינסקי; סעם פאָגעל, אין אָנדענק פון דזשעני; דזשין אָקון, אין אָנדענק פון ליאָ; פרידאַ סטיין, אין אָנדעדנק פון חיים; פראָפ. מאָריס און סאָניאַ שאַפּעס; מ. און ב. פאַרבער; ענאַ קליינמאַן; איידאַ בערנשטיין, אין אָנדענק פון דזשאָו; ענאַ קרייצער, נייטן קאַלווער, אייב סטיין; דזשאַן גראָסמאַן; פאַולין און סעם גאָלדשטיין; י. דאָראָשקין און צייטל; לואי און גיטאַ וויס; די שטשאָגאָלס; לינאַ און בען פילדס; וועסט עדעמס עמאַ לאַזאַרוס; ליאָ שענקמאַן; לערי און העלען קענטאָר; סאָפי לאָהדאָרף; וועלוול קאַפּלאַן; מ. זאַקהיים; נ. וויינשטיין; מ. פעלאָו; ד. סילווער; א. גאָלדבערג; ד״ר י. ציפּערשטיין; פייגע פודעמבערג; סידני גאָלדפאַרב.

אַ ספעציעלן דאַנק צום דרוקער יוסף קאַרניאָל און הבחור הזעצער שמחה גילדער, פאַר זייער קאָאָפּעראַציע.

אינהאַלט פון „אַ לויב און אַ דאַנק"

אַ לויב און אַ דאַנק — 7
פּאַרוואָרצלט — 12
פּאַראַד — 14
אַ געבעט — 16
אַ ליד וועגן אַ געווינערין — 18
שוואַרצוואַלד — 22
אָרקעסטער — 15
דאָס קינד אין דיר — 27
באַקלאָג זיך ניט — 29
באַהעפט זיך — 31
וואָרצלען — 32
ביז דער לעצטער שעה — 33
בערג — 34
דער פּויקער — 35
שאַגאַל פאַרבט דעם הימל — 37
העלף — 39
האַי סיעראַ — 40
וואַסערפאַל — 48
אַ פלאַנץ — 51
זאָל דיך אַרן — 52
וואונדן — 53
טאָג־בוך פערזן — 54
רייפע פרוכט — 61
רעגנס אין לאָס אַנדזשעלעס — 64
ווי גוט עס איז — 65
אויג און אויער — 67
און די וואָס האָט געזען — 69
ווילדער וואונדער — 71
מאַמע — 73
דו ביסט געווען — 74
שטיינער פון ירושלים — 75
באַלאַדע תל אביב — 77
פאַמיליע כראָניק — 82
צו דיין געבורטסטאָג — 83
אין יאַלטאַ — 81
משהס קוש — 84
איזי כאַריק — 86
סיקאַמאָרן — 88
באַמבעס זיינען טרערן — 90
באַלאַדע יידיש — 92
פּאָרטרעט — 96
טראַפּנס — 97
ווער ווייסט — 99
ריטעם — 100
יום־טוב — 101

אַ בריוו פון מאַרק שאַגאַל צו י. א. ראָנטש

25-7-1963

"LES COLLINES"
VENCE (A. M.)

ליבער טאָוואַריש ראָנטש

איך בין געווען זייער צופֿרידן באַקומען אײַער וואָרט
דאָס האָט מיר דערמאָנט ווי ווען איך בין געווען ראַנטש
ליידער זייער אומגליקלעך. איך האָב מיט אײַער געבוירנער
סימפּאַטיע. (אויך צו מיר באַזונדער) האָט מיר געהאָלפֿן
פֿאַר בעלאַטשקען איר ביכער אַרויסגעבן. איך בין
צופֿרידן אַז אײַער נאָמען גרויס געוואָרן. איך האָף אַז
די וועלט זאָל זען די שיינער מענטש אין אײַך. און וועט ליב
האָבן, קולטור און קונסט. (איך מיין ניט... שאַגאַל)

אַ לויב און אַ דאַנק

איך ווייס ניט צו וועמען געהערן די דאַנקען, די לויבן
פאַר יאָרן באַשערטע צו זיין אויף דער ערד.
ניט איך האָב געבעטן, ניט איך האָב באַגערט.
געבראַכט האָט מיך אימיץ אַהערצו דורך נעפלען און שטויבן;
געוויינט האָב איך הילכיק, אַרום האָט געהערט,
געלאַכט און געקוויקט זיך, ווי ס׳וואָלטן געוואָרקעט די טויבן.

אַ פרעמדער, האָב איך ניט באַנומען, האָב איך ניט פאַרשטאַנען
דעם וואַנדל און וואַנדער פון שעה׳ן און טעג.
געזעצט האָט דער האַמער, געשניטן די זעג;
געשאָטן זיך קלעפּ האָבן פלוצים פון דאָרט און פון דאַנען.
דערפאַר וואָס דאָס נאַרישע מויל האָט געפרעגט
די אייביקע קשיות: פאַרוואָס? און פאַרווען? און פון וואַנען?

ניט איין מאָל עס האָט מיך דערשראָקן דער שאָטן דער לאַנגער;
ניט איין מאָל געשלונגען די אייגענע טרער;
דאָס אייגענע פעקל געוואָרן איז שווער;
עס האָט מיך דאָס היימישע רעדל פאַרפּלאָנטערט, געפאַנגען;
געקראָכן אויף לייטער פון זיין, ווי אַ בער;
ניט אַנדערש, פאַרמאָסטן זיך טעלער פון הימל דערלאַנגען.

די שטראָלן פון זון-גאָלד זיי האָבן געמאַניעט אַלץ העכער;
פון וועלדער פון טיפע געשאָלט האָט געזאַנג;
געבויגן אַ זאַפטיקע האָט זיך די זאַנג,
נאָר לויפנדיק פריידיק דו האָסט זיך פאַרטשעפּעט אין לעכער;
דאָס דראַפּען אַרוים האָט געדויערט גאָר לאַנג,
די הענט און די פיס האָסט פאַרפּלאָנטערט אין אייביקע שטעכער.

ס'האָט אימיץ געיאָגט דיך, געפּלאָגט דיך, כסדר געטריבן,
און דו האָסט אומשולדיק געשטרעקט דיינע הענט
צו לויבן, צו ליבן, צו בענטשן די ווענט
וואָס האָבן באַשיצט דיך, וואָס זיינען ווי פריינד דיר געבליבן,
נאָר אונטער די פיס דיינע האָבן געברענט
די וועגן און שטעגן און בלויע חלומות צעריבן.

דו האָסט זיך געלערנט די חכמה פון לעבן ביים שכן;
אין צייטן פון צווייפל צו אים זיך געווענדט.
געווען ביסטו תמיד אַ גוטער סטודענט,
נאָר פלוצלינג האָט אימיץ פאַרפּירט דיך; אין זומפּן פאַרקראַכן,
אַ וואַקל געטאָן זיך האָט דיין פונדאַמענט —
געזונקען אין שליימיקע בלאָטעס, פאַרקנוילט זיך אין מאַכן.

דערהערט האָסטו קולות פון זוניקע באַבעס און זיידעס;
פון טאַטן געהילכט האָט דאָס ערלעכע קול.
פאַרטיידיקט זיי האָבן דיך ווידעראַמאָל
אויף יעדן פּראָצעס, ווען דו האָסט זיך געניטיקט אין עדות.
געקלונגען זיי'ר וואָרט האָט ווי ריינער קרישטאָל,
ווי זיכערע האַנט פונעם מלאך ביי יצחק'ס עקדה.

געווען זיינען יאָרן באַפינקלט מיט נסים, מיט וואונדער;
געוויגט זיך ניט זיכער אויף דינינקן צווייג;
געראַנגלט מיט היצל ביי אָפענער שטייג;
געשאָטן מיט פיינלעכן זאַלץ אויף די אָפענע וואונדן;
געוויזן דיר אונטער דער נאָז גאָר אַ פייג;
געבראַכט אויך עס האָבן די יאָרן מתנות באַזונדער.

אַזוי איז פאַרלאָפן דער וועג פונעם לעבן זיגזאַגיש;
געמיינט, אַז ס'איז גראַד און געווען איז פאַרקערט.
געוועזענער פריינד איז געוואָרן אַ שטער;
דאָס פּשוטע וואָרט פונעם פאָלק האָט געצויגן ווי מאַגיק,
נאָר זאַלץ פון אַ טרער איז געבליבן אַ טרער.
דו האָסט ניט באַקומען קיין ענטפער אויף פיינלעכע פראַגעס.

און ציסטו סך־הכל פון פרייד און פון לייד און געזאנגען —
עס שטייען אין רייען די פיינט און די פריינד.
דו זעסט זיי אין נעפל, דו זעסט זיי אין היינט.
זיי האָבן ניט איין מאָל געקעכלט, ניט איין מאָל געפאנגען.
זיי האָבן פארפינצטערט, זיי האָבן באשיינט,
צוזאמען, צוזאמען מיט שונאים און פריינד ביסט געגאנגען.

און וואָס איז געבליבן פון אַלע הוליאַנקעס, געפעכטן?
געוואָרן אַ קאַלטער פון זיי מאָנומענט.
אַ לעבן געבויט אַלץ, צעשטערט האָט מאָמענט.
אַזוי איז דער היינט, אַזוי איז געווען דער נעכטן.
געקנאָטן דעם טייג מיט די קנאָכיקע הענט;
אָט ביסטו אַ שאַפער געווען, אָט ביסטו אַ שעכטער.

מיט דעם און מיט יענעם געפירט האָסטו הייסע חשבונות;
געמיינט אַז עס האָט דיך דערפירט צו אַ זיג;
פון ריזיקן העלפאַנט געוואָרן אַ פליג.
און אויסגעדוכט האָט זיך, אַז שטאַרקער איז לאַגער פון שונא;
אומזיסט איז געווען דיין ברוגז, דיין קריג.
אויף קאָפּ פונעם מעכטיקן מולך — אַ חוזק זיין קרוין איז.

געקומען צום פּשוטן שכל, צום סוף פון יאַרידן,
אַז ס׳האָט זיך דער עסק מיט מענטשן געלוינט
און גוט איז וואָס האָסט לעבן שכן געוואוינט.
צוזאַמען געהאַלטן דעם פייער פון אייזן אין שמידן;
ניט איין מאָל די אייגענע פעל זיך געשוינט.
באַטראַכסט דעם סך־הכּל אינגאַנצן און פילסט זיך צופרידן.

דאָס הינטל, דאָס קעצל — זיי זיינען געווען דיינע שכנים;
געטרייסט דיך אין איינזאַמער שעה האָט אַ בוים;
דיין שוואַרצקייט געלינדערט האָט ימיקער שוים;
די בערג און דער הימל, די וואַלקנס און אַלע אינאיינעם,
זיי האָבן דאָס וואָכיקס פאַרביטן אין טרוים,
זיי האָבן וואָס מיאוס דערהויבן צום ריינעם און שיינעם.

דו האָסט זיך דערשראָקן פאַר הימלישע פייער־מלחמות;
דער דונער געווען איז פאַר דיר אַ האַרמאַט;
די שפּיזיקע בליצן — געהיימער פאַרראַט;
עס זיינען געפאַלן פון שטורעם די ריינע נשמות;
געזויפט האָט דער קריגער דאָס בלוט אויך צו־זאַט,
און ס'לאַנד האָט געפרעסן אַן אויפהער פון פעטע נקמות.

און בלוט האָט געריזלט מיט קוואַלן פון ליכטיקן שלום
ניט בלויז אויף דער ערד, נאָר מיט זיך אויך אַליין;
גענוג שוין געיאָמערט, גענוג שוין געוויינט;
גענוג האָבן ייִדעס און טאַטעס געצאָלט שוין פאַר שטאָלן,
וואָס האָבן געוואָונען בלויז חורבות און שטיין;
אַ דור נאָך אַ דור האָט פון אייביקן פרידן געחלומט.

און דו האָסט געהאָלפן דאָך טראָגן די ציגל פון בויען;
אויף דיך האָבן שטראָלן פון זון דאָך געגלעט;
געהאָרעוועט האָסטו פון מאָרגן ביז שפּעט;
דיין לוין איז געווען דיין טריישאַפט, דיין גלויבן, דיין דויער;
געזונגען דו האָסט אין דעם כאָר, אַז עס וועט
נאָך קומען די צייט ווען ס'וועט קראַכן דער פינצטערער מויער.

צום ווייפלסטן מאָל איז דער שוואַרצער באַרויבער געקומען.
„כ'בין דאָ און כ'וועל בלייבן!" געזאָגט האָט דער טויט.
עס האָבן זיך אַנגסטן געקייקלט ווי שרויט.
די פליגן זיי האָבן ניט אויפגעהערט זשוזשען און זשומען.
דו האָסט זיך דיין אייגענעם ווילן פאַרטרויט.
„פאַרנעם זיך פון דאַנען, דו אַכזר!" ער האָט זיך פאַרנומען.

דו האָסט דעם באַגרעבער פון קינדווייז באַגעגנט, געטראָפן.
געלויערט אויף שטענדיק האָט ער זיך אויף דיר,
נאָר פלינקער געווען איז דיין שפּאַן און דיין ריר;
געטראָגן אויף אָרעמע פּלייצעס די פּלאָגן, די שטראָפן;
פאַרהאַקט אים אין פּנים די פריינדלעכע טיר.
צום זילבערנעם היינט נאָר געצילט און געצילט — און דערלאָפן.

וואו זיינען פארשוואונדן באַקאַנטע און אייגענע נעמען?
זיי זיינען אַנטרונען, ווי סוף פונעם יאָר.
זיי פעלן דיר אוים, ווי אויף קאָפּ דיינע האָר,
דערמאָנסט זיך אין זיי און אין הארצן טוט קלעמען, טוט קלעמען.
די ליידיקע שטולן פון היינטיקן דור...
וואו וועסטו דען נייע, געטרייע חברים איצט נעמען?

און טוליעסט זיך, ווארעמסט זיך אָפּטער און אָפּטער צו שכנים;
האַלטסט טייער און נאָענט דעם אייגענעם קרייז
און לאַנגזאַם דיין שפּאַן איז, פאָרכטיק דיין שפּרייז,
און ציילסט, ווי אין מנין, אַז פעלן חלילה זאָל קיינער,
פון פריינדשאַפט געוואָרן גאָר הויך איז דער פּרייז
און גוט איז צו זיין אין אַ רעדל מיט אַלע אינאיינעם.

באַטראַכסט זיך אַליין אויך און קוקסט זיך אַריין אינעם שפּיגל,
דערזעסטו אַז גילטיק ביסטו נאָך און גאַנץ.
עס צאַנקט ניט דאָס פלעמל און גיט נאָך אַ גלאַנץ.
דיין קול און דיין נאָמען זיי טראָגן דיין אייגענעם זיגל.
דיר פּאַסט אויפן האַלדז נאָך פון בלומען אַ קראַנץ,
אַ לוין וואָס פאַרדינט האָט פון יאָרן געפּאַקטע דער זיגער.

צעעפנסט די אויגן און נישטערסט דעם אונטן, דעם אויבן,
דערפילסט מיטאַמאָל נאָך דעם לעבנס־געשאַנק;
ס׳אַנטפּלעקט פאַר דיר סודות פון ביכער דער שראַנק
און צייטיק עם זיינען די זאַפטיקע, וויניקע טרויבן,
און ווייסט שוין ווער ס׳האָט זיך פאַרדינט איצט דעם דאַנק,
און ווייסט שוין אויך וועמען צו שאַצן, צו בענטשן און לויבן.

פאַרוואָרצלט

איך בין אַ לייבלעכער טייל פון דעם אַרום.
אַרום, אַרום שטרעקן זיך אַרעמס אויס צו מיר.
מיר זיינען אַלע פאַרוואָרצלט אינעם שטאַם.
שטאַמען שטאַמען מיר פון בראשית אָן.
אָן אונדז קאָן קיינער זיך ניט באַגיין היינט.
היינט איז דער נעכטן פון אַמאָל.
אַמאָל איז אָפּגעשטאַנען פונעם וואָרצל.
וואָרצלט זיך דער היינט אין מאָרגן.

איך בין דאָס בינטל ביינער פון געביין.
געביין פון אַלץ וואָס וואַקסט און מערט זיך אויף דער ערד.
ערדיש בין איך, ווי דער שוואַרצער פעטער באָדן.
באָדן זיך אין אַלע וואַסערן פון ימים קאָן איך פריי.
פריי פאַר מיר איז אָפּגרונט און דער הימל.
הימלען דרינג איך דורך אין משך פון מיין זיין.
זיין וועל איך, ווען ס׳וועלן בערג פאַרשווינדן.
פאַרשווינדן וועל איך מיטן טויט צוזאַמען.

ס׳האָבן זאַווערוכעס, ציקלאָנען און אוראַגאַנען זיך צעווילדעוועט.
האָב איך זיך געפרעגט, צי בין איך אויך אַ טייל פון זיי?
צי האָבן זיי ניט נאָכגעטאָן די צעשטערונגען מיינע,
די מלחמות, שלאַכטן, פּאָגראָמען און רדיפות?
צי האָב איך ניט איינגעפלאַנצט אין זיי מיין גרימצאָרן פון דורות אָן?
צי האָבן ניט שטורעמווינטן זיך צעבושעוועט,
ווי טענות און פאַרוואָרפן צו מיר?
וואָרנונגען פון שווינדלדיקן בליץ און קנאַל פון דונער.

זיי זיינען אַלע טייל פֿון מיר, ווי איך בין טייל פֿון זיי.
דער ענדלאָזער ווייט פֿון האָריזאָנט,
דאָס אַלץ איינשלינגענדיקע מויל פֿון אָקעאַן
און די יונגע ווייסע מעוועס ביי זיין זייט;
די אייז־באַדעקטע קייטן־בערג;
דער שווער שווייגנדיקער שווידער פֿונעם מדבר;
די קאַראַוואַנען חיות אינעם דזשונגל —
און די מייסטערשאַפֿט פֿון אַ רעמבראַנדט.

די טיף פֿון וואַלד געדיכטן איז מיר אייגן,
ווי אייגן ס'איז די טיף פֿון מיינע מחשבות.
דער סוד פֿון ווערימל וואָס וויל אין לעבן־געראַנגל זיך מיט מיר פֿאַרמעסטן.
די רעטעניש פֿון שפּראַך פֿון פֿייגל
וויל איך דערגיין פֿון קדמונים אָן.
דאָס שווייגן פֿון דער בלום און געזאַנג פֿון איר קאָליר
איז ווייט פֿון מיר און דאָך אַזוי נאָענט,
אַ טייל פֿון מיר איז זי, ווי מיין האַרץ־פּולס.

ס'איז אייגן מיר די מענטשלעכע משפּחה,
דאָס נאָענטסטע צו מיין ליב, אַ גליד פֿון מיינע גלידער.
ניט הויך פֿון באַרג, ניט אָפּגרונט פֿונעם ים דערשרעקן מיך,
נאָר שכן־מענטש פֿון דער פֿאַרמאַכטער טיר.
ניט אַנקומענדיקע שוואַרצע נאַכט,
נאָר מענטש וואָס פֿאַרשוואַרצט מיין דאָ־זיין.
איך בין אַ לייבלעכער טייל פֿון דעם אַרום,
איך גאַר באַהעפֿטן זיך מיט נייעם מענטשן־מין.

פּאַראַד

פאַר דיינע אויגן שטראָמט פאַרביי דער פאַרביקער פּאַראַד;
עס הילכן טריט, עס לאָזן הערן זיך די פּויקערס;
די ברוסט פאָרויס, עס גלייכן אויס זיך קרומע הויקערס;
די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט קול המונישן וויוואַט.
פאַר דיינע אויגן שטראָמט פאַרביי דער פאַרביקער פּאַראַד.

האָסט אויך אַמאָל אַזוי וואַוויליונגעריש און שטאָלץ מאַרשירט
און אַנדערע באַטראַכט דיך האָבן פון די פענצטער.
געליבטע האָט געלויבט: „דו ביסט געווען דער שענסטער."
עס האָט דער גרענד-מאַרשאַל געפירט, ניט איין מאָל אויך פאַרפירט,
נאָר האָסט געטריי און פריי אין ריטם פון מוזיק מאַרשירט.

די פיס געוועזן זיינען יונג און שלאַנק און בויגיק-שטאַרק
און בלאַק נאָך בלאַק זיי האָבן אייליק אויסגעמאָסטן;
און וואו באַשטימט, פאַרנומען האָסטו פּינקטלעך פּאָסטן.
דו האָסט דערגרייכט דעם פּונקט, פאַרזאַמלט זיך אויף ברייטן מאַרק,
די פיס געוועזן זיינען מיד, נאָר שלאַנק און בויגיק-שטאַרק.

ס'איז יעדנס לעבן דאָך אַ מאַרש אַזאַ פון ריי נאָך ריי.
מיר נעמען אָנטייל אין אָנצייליקע פּאַראַדן,
ניט איין מאָל בלייבן שטיין מיר פאַר די באַריקאַדן.
עס קנאַלט די בייטש, עס פאַלט דער העלד, ס'דערהערט זיך אויסגעשריי.
ס'איז יעדנס לעבן דאָך אַ מאַרש אַזאַ פון ריי נאָך ריי.

דערמאָנסט זיך איצט אין זעץ פון פּויק, אין מונטערן געזאַנג;
די באַקן רויטלעכע, די פלעמלעך אין די אויגן;
עס האָבן מחנות זיך געצויגן און געצויגן.
האָט זיך געלוינט פון יאָר צו יאָר דער דרייסטער דויער-גאַנג?
דערמאָנסט זיך איצט אין זעץ פון פּויק, אין מונטערן געזאַנג.

דו זיצסט ביים פענצטער און באַטראַכטסט דעם היינטיקן פּאַראַד.
עס גיט אַ שטראָם אַ יוגנט-קוואַל אין דיינע גלידער.
עס ווילט זיך דיר אַ שפּאַן־טאָן און אַ מאַרש טאָן ווידער.
פאַרגעסן ווילסטו שפּעטע שעה אויף גרויסן ציפערבלאַט.
דו זיצסט ביים פענצטער און באַטראַכטסט דעם היינטיקן פּאַראַד.

דער אָרקעסטער

ווען ווינט פאַרליבט זיך אין דעם יונגן פרילינג,
דאַן זינגט ער אים סערענאַדעס זיס.

ווען כ׳האָב פאַרליבט זיך יונגערהייט,
געוואָרן בין איך דאַן אַ פּיקאָלאָ, אַ פלייט.

ווען ווינט ווערט צאַרנדיק פון האַרבסטיקן פּראַט,
דאַן לאָזט ער הילכיק הערן זיין פאַרדראָס.

ווען ס׳קלייבט זיך אָן אי פרייד, אי לייד אין אויג,
דאַן ווער איך ברויזנדיקער קעסל־פּויק.

ווען ס׳טראָגט דער ווינט די כמאַרעס שוואַרצע,
דאַן וואָיעט ער פון שווערע לאַסטן.

ווען יאָרן בייגן מיך אין צייט־געצוואַנג,
דאַן ווער אַ פּיאַנאָ איך מיט פולן קלאַנג.

ווען ווינט פאַרפּלאָנטערט זיך אין זאַווערוכעס,
דאַן רעוועט ער אין וויסטן רוים.

ווען לעבן פּילט מיך אָן מיט גרים און צאָרן,
ווער איך דאַן אַ פראַנצויזישער האָרן.

ווען ס׳ווערט דער ווינט פון זיינע שטיק שוין מיד,
דאַן זינגט ער זיך אַ וויגל־ליד.

ווען לעבן־זייגער ווייזט מיר, אַז ס׳איז שפּעט,
ווער איך דאַן אַ סודות׳דיקער קלאַרנעט.

ווען ווינט דערציילן וויל פון לאַנגן וואַנדער,
צעשפּרייט ער זיינע פּאָלעס ברייט פאַנאַנדער.

ווען כ׳בין פון לעבן יאָ און ניט צופרידן,
דאַן ווערט פון מיר אַ באַס, אַ טשעלאָ און אַ פידל.

עס קלעזמערט ווינט, נאָר דאָך פאַרגעסט ער,
אַז כ׳בין אַליין אַ פילהאַרמאָנישער אָרקעסטער.

אַ געבעט

וועלט, איך, אַ פרעמדער, קלאַפּ אָן אין דיין טיר:
ווייז מיר אַרויס גאַסטפריינדשאַפט;
העלף מיר בייקומען דיין אָפּגעזונדערטקייט;
באַקען מיך מיט דיין היימישקייט;
פיר מיך אַרויס פון פאַרקרימטן וועג;
באַשיץ מיך פון די פיל געפאַרן,
וואָס באַדראָען מיין יעדן טראָט —
באַהאַנדל מיך ווי אַן אייגענעם.

וועלט, איך, אַ ווילד־פרעמדער און אַ הילפלאָזער,
קלאַפּ אָן אין דיין האַרץ
און צעקראַץ מיר די פינגער
פון דיין שטיינערנער האַרטקייט.

פון דיין האַרץ־פּולס ציטערט די ערד.

אין דיינע קיזלשטיינערנע אָדערן
ריזלט דאָס בלוט פון די ראשונים,
פון פּרעהיסטאָרישע מאַמאָטן,
פון מאַלפּע־מענטש, פון קוילער־מאַן.

און דורשטיק זיינען דיינע גלוסטן
נאָך בלוט פון קינדער דיינע.

בעט איך רחמים צו דיין האַרץ, אָ, וועלט,
און זוך און נישטער אַ ווינקל
פון אומשולד אויף דער וועלט.

אַ פרעמדער, דערשראָקענער, ווי אַ קינד
בין איך אין דיין הויזגעזינט.

קלאַפ איך אָן צום לעצטן מאָל,
אָ, וועלט —
איידער ס׳ווערט צו שפּעט פאַר מיר,
איידער כ׳גיי אוים פון דיין האַרטער האַרצלאָזיקייט,
פון דיין גרויזאַמקייט,
פון דיין וואַרפן מיך ווי אַ שפּענדל
אין יאָמערדיקן ים אַריין.

באַפעסטיק מיך,
ווי די וואָרצלען פון אַ בוים;
באַפליגל מיך,
ווי דאָס קלענסטע פייגעלע;
באַלייכט מיך,
ווי אַ זילבער־שטערן
אין אַ שטאָק־פינצטערער נאַכט;
באַצאַפּל מיך,
ווי אַ כוואַליע פון אויפגעברויזטן אָקעאַן;
באַרעגן מיך,
מיט פרישע טראָפּנס פון אַ פרילינג־שפּרייער.

אַ ליד וועגן אַ געווינערין

די ערד איז
אַ שוואַנגעריקע פרוי
וואָס געבערט אַזוי,
ווי יעדע מאַמע,
מסתמא,
נאָר ס׳פאַרמאַכט
זיך ניט איר טראַכט.

איז וואָס-זשע שאַרפט מען שווערד
פון קדמונים אָן
איינצונעמען אַ שטיקל ערד?
איז וועמען טוט זי אָן שאָדן?
ס׳איז יעדער דאָך פאַרטאָן
מיט איר שעפערדיקן באָדן.

וויפל בלוט פאַרגאָסן ווערט
צוליב אַ פיצל ערד!
גענאָסן האָט נאָך קיינער ניט דערפון.
דאָס ווייסט די זעענדיקע זון,
דאָס ווייסן אַלע קלוגע לייט
פון יעדער צייט.

און ווידער קלאַפּט מלחמה-פּויק
און רופט צום טויט.
ס׳איז מער ניטאָ קיין טרער אין אויג.
און בויך פון ערד ווערט בלוטיק-רויט.

מען קוילעט זיך צוליב אַ פּיצל ערד
און ס׳ווערט
אַזוי טרויעריק דערפון.
פּאַרוויסטונג־רויך פאַרשטעלט די זון
און מענטשן־צווית
איז שניט
פון קריג־פאַרזיי
און ווי
ווערט געזאַנג
פון זיגער־פאַנג.

און ווידער קומט אַ דור
וואָס פרייט זיך מיט דער מאַמע־ערד.
די אויגן זיינע — ליכטיק, קלאָר,
נאָר באַלד עס בלאַנקט די שווערד
און באַלד עס וואָיען וועלף
און מאַמעס קלאָגן: „העלף״!
און גוטע שטילע ערד
שוין ווערט צעשטערט.

זי שפּרייט די אָרעמס אוים
און ווייזט איר רחבות׳דיקע שוים
און בעט פאַרקלעמט, פאַרשעמט:
אַ, נעמט זיך, קינדער, נעמט
און טוט ניט אָן קיין שאָדן.

מיין באָדן
איז אָנגעלאָדן
מיט כּל טוב פאַר יעדן איינעם,
איז זייט מיר גוטע שכנים.
געגרייט האָב איך אַ מייסטער פּלאַן —
עס איז פאַר אַלעמען גענוג פאַראַן.

אין דער ברייט, אין דער לענג,
דיין לעבן פֿאַרברענג
אין הויזגעזינט פֿון ערד.
צו דיר געהערט
די טיפֿסטע שאַכט,
דער העכסטער באַרג.

דער מייסטער האָט פֿאַרטראַכט
און ניט געקאַרגט.
איז זיי אַ גוטער גאַסט.
דו פֿאַלסט דאָך ניט צו לאַסט
דער מכניס-אורחטע, דער ערד.
פֿאַרקערט —
פֿון שפֿע און פֿון וואויל
עס רינט דיר איבערן מויל.

פֿאַרוואָס זאָל טרעפֿן דיך אַ קויל
פֿון אַ מערדער-האַנט?
פֿאַרוואָס זאָלן אין אַ לאַנד
נאָך האַרעווען די טויט-פֿאַבריקן?
פֿאַרוואָס זאָל פֿיינטלעכער בליק
באַדראָען קינד און קייט,
ווען ס'איז די צייט
פֿון לאַנג שוין רייף
פֿאַרן פֿאַסטוך-פֿייף,
פֿאַר פֿרידלעכן שפּאַציר
איבער ערדס צעפּראַלטער טיר.

און וואו דו זאָלסט ניט קומען,
וואַרטן בלומען
אויף דיין באַריר.

אַ בלום ביי רעד געווינערינס בעט;
פּאַר אויפטריט אויף דער לעבנס-בינע — אַ בוקעט;
דעם חולה מונטערט אויף אַ בלום;
דעם טויט באַגלייטן קווייטן אומעטום.

ווי קלוג איז זי, די ערד,
וואָס האָט פאַרקלערט
ניט קוילן-זאַלפּ,
נאָר פלי פון שוואַלב;
ניט פּאַדלע-שלאַכט
נאָר גאָרטן פּראַכט.

געטרוי
דער ערד,
דער שוואַנגערדיקער פרוי,
וואָס געבערט
אַזוי פיל גוטס מיט איר באַריר.

איז טוליע זיך צו איר
ווען ס'קומט די צייט;
ווען ווערסט באַפרייט
פון דעם אָרום
און ווערסט אַליין
אַ פלאַנץ, אַ בלום.

שוואַרצוואַלד

1.

די סאָסנע האָט געלאַקט צו זיך:
איר שאַרפער אַראָמאַט, די גרינע אָרעמס;
דער איידעלער שטאָך פון ווייכער נאָדל;
די פרישקייט פון באַשאַף, דער יום־טוב פונעם וואַלד;
די גליטשיק־גלאַטע סטעזשקע וואָס פירט, פאַרפירט.

ס'ווערט קילער אין דער טיף, עס שושקעט שווייגנדיק דער בוים;
ס'איז סודותדיק אָרום, ס'איז אוים מיט ליכט און טאָג,
ס'באַוועלטיקט טונקלעניש, וואָס ווערט געדיכטער.
געקומען ביסטו אַהער צו קלייבן שוועמלעך
און געפינען קוסטעס אָנגעפּאָפּט מיט בלוי־שוואַרצע יאַגעדעס.

געפאַנגען האָט דיך שוואַרצוואַלד אין זיין נעץ
און קליין געוואָרן ביסטו צווישן טורעמדיקע ריזן.
דו בליקסט צוריק, נאָר ס'ציט פאָרויס דיך.
דערהערסטו אַ פויגל־רוף און אָפּרוף פון דער ווייט;
אַ רוף־געבעט, אַ רוף־געבייזער, געהיים־סיגנאַל,
אַ בלעטער־רויש, אַ חיה־לאַך, פאַרליבטער קלאַנג, אַ וועווריק־קוויטש.

און מיטאַמאָל — אַ כאָר־געזאַנג, אַ פרימאַדאָנע־ציקל,
פון אונטער־ערד — אַ ציין־געקריץ, אַ וואונד־געוויין,
אַ שיכּורער געביל, קאַנאַריק־טרעל,
אַ הפקרדיק געפייף און אַ באַפעל פון באַלעבאָס...
דאָס מיינט מען דיך, צי גלאָט אַזוי?

באַוואונדערסט טענער געהערט צום ערשטן מאָל,
ס'איז ניט דיין וועלט, נאָר אַנטפּלעקסטו אין איר זיך.
ס'איז ניט דיין וועג, נאָר ווילסט דערגרייכן ציל;
ס'איז ניט דיין מענטש־משפּחה, נאָר ווילסט באַהעפטן זיך;
ס'דרינגט שוואַרצוואַלד־וויין אַריין אין דיר.

וועסט אַנטרונען וועךן, שפּאַנענדיק אַלץ טיפער?
ווער וועלטיקט איבער דיר דאָ—דער ביום, דער פויגל־מין, די זשאַבע?
זאָפּסט־איין לשונות נייע און ווילסט פאַרשטיין זיי
און ביסט אַליין, אַליין און איינזאַם אַן אַ שיעור
און ווילסט צוריק — און ס׳ציט פאַרויס.

ס׳ווערט קילער, פרישער. אַ זילבערדיק געריר,
אַ קוועלכל גיט אַ ריזל פון דער נידער,
אַ שטיפערל, וואָס מורמלט אויס אַ ניגונדל,
דערציילט פון וואַנדער זיינעם לאַנגן,
פאַרשווינדט באַלד אונטער אויבערפלאַך,
ווי אויף אַ מיסיע אַ געהיימער.

פון אויבן גיט אַ בליץ אַ פאַס פון גינגאַלד,
אַ זון־שטראַל האָט אַדורכגעבויערט פינצטערניש.
בלייבסט שטיין — דער וואַלד האָט גאָר קיין ענד ניט?
פאַרפירן וועט ער דיך אין לאַבירינט,
פון העלן טאָג — אין פינצטערניש פון וואַלד.

איז דאָס דיין סוף? צוריק, פאַרויס? צי רוף נאָך הילף?
די סאַסנעס שווייגן שטאָלץ, די שוועמלעך שמעקן ווילד,
די פייגל פליען פלינק, די פליגן זשומען פויל.
עס אָטעמט אימיץ שווער — אַ חיהלע, צי דו אַליין?
ביסט העכער פונעם העכסטן בוים, ביסט גליטשיק, ווי די נאָדלען אונטער דיר.

ווערסט הילפלאָז, ווי אַ קינד אַ וויינענדיקס,
ווערסט גדול׳דיק ביי זיך, אַ מאַן אַ דערוואַקסענער.
ווער וועט וועמען דאָ באַוועלטיקן?
עס לעבט און פרוכפּערט זיך דער וואַלד און אַלץ אין אים —
אויך דו ביסט מייסטער און פאַרטרויטער איבער אים.

ווער האָט פאַרשטופּט, פאַרשטויסן דיך אַהער?
ניט לוסט נאָך שוועמלעך, יאַגעדעס און בלימל־בלי.
עס וואַרט אויף דיר דיין הויזגעזינט אין דרויסן אויף דער פריי,
די זון זי גלעט און וואַרעמט דאָרט.
דער וועג אַרויס איז ווילד, דיין שפּאַן — געצילט און פעסט.

.2

עס זענען יאָרן צענדליק אַוועק, ווי אין אַ תהום.
פון שוואַרצן וואַלד מיט זיין געפאַנג ביסטו אַרויס אַ גאַנצע:,
פון היינט־צו־טאָג דו ווייסט ניט ווי אַזוי.
ס׳איז זים געוועזן דאָס ליכט און האָסט געקושט די פריי,
נאָר שוואַרצוואַלד האָט זיך איינגעפלאַנצט אין דיין געביין
און האָט געבעטן זיך: דו קום צוריק אַריין.

דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס איז אַ שוואַרצוואַלד
און גליטשיק איז דער שפּאַן, פאַרפּירעריש דער שטעג.
פון זוכענישט נאָך יאַגעדעס און שוועמלעך,
צווישן ריזן־מאָנומענטן פון די יאָרן,
קומט דער אייביקער דיין וחשבון:
צי האָט געלוינט זיך איינשטעל און די מי?

ביז היינט־בו־טאָג דו הערסט דעם פייגל־רוף,
און שושקעניש און זשוזשעניש און נאָדל־רויש —
אין גאַנג פון טאָג, אין ווידערקול דעם מענטשישן
און ס׳ציט פאָרויס צו פרעמדער גאַס
און ווילסט דערגיין דעם סוד פון טונקל הויז
און כאַפּן ווילסטו גינגאָלד־שטראַל אין פינצטערניש.

דיין טרויס — אַ לעבן פון אַ שוואַרצוואַלד;
דיין וואָר — זיך אָנזעטיקן מיט אַראָמאַטן פונעם וואַלד;
דיין פחד — פאַרפירערישער לאַבירינט פון שוואַרצן וואַלד
מיט זיינע סאָסנע העלדן און נאָדל־לאַפּעס.
ווילסט פאַרשטיין די שפּראַך פון פויגל, וועוויריק און די זשאַבע,
און וויסן ווילסטו וואָס ועט ווייטער זיין.

און וויפל בלויער הימל האָט באַפרייט דיך
און וויפל קאַליפאָרניער זון האָט דיך דערזעטיקט
און וויפל ס׳האָבן קאַרניוואַלן און מסיבות
דערווייטערט איינזאַמקייט פון דיין געמיט —
האָט שוואַרצוואַלד טיף אין דיר זיך איינגעבירגערט
און דיך באַוועלטיקט מיט זיינע סודות.

דער וואַלד פון לעבן, מיט די אויסגעהאַקטע ביימער;
מיט פרימאַדאָנעס און מיט קוואַקעס;
מיט נאָדל־גליטשן פונעם עלטער;
מיט צערייצנדיקע וואַסער־קוואַלן;
מיט אָפּגעפּליקטע רייפע יאַגעדעס
און צעטראָטענע שוועמלעך־קעפּלעך—

דער וואַלד פון לעבן איז ניט דער זעלבער שוואַרצוואַלד
פון דיינע ריינע קינדער־יאָרן.
די שוואַרצקייט איז גאָר אַן אַנדערע: פאַרויסגעזען.
דו ווייסט דעם סוף, דו ווילסט פון אים אַנטרינען.
די טונקלקייט פון שוואַרצוואַלד האָט דיך צוגעצויגן
און אַנטפּלעקט אַ פרישן נייגער און באַגער.

און אפשר האָט באַשאַפער צוגעגרייט דעם שוואַרצוואַלד,
ווי אַ מוסטער פאַר דיין גאַנץ לעבן:
די שטילקייט און דערוואַרטעניש און מורא און מנוחה,
די רו און טונקלניש, די דרעמלענדיקע וואַכזאַמקייט,
די אויסטערלישע פרייע קלאַנגען,
די זיכערקייט פון שלום פונעם בירגער אינעם וואַלד.

קאָנסטו פאַרגלייכן זיך מיט זיי מיט דיין פאַרמעג?
און ביסטו ניט מקנא בליענדיקן בוים
און בלימל ווילד מיט פעסטיוואַל־קאָלירן
און פויגל־פּלי אָן צאָם־פּאַספּאָרט
און אפילו שרעקעוודיקע שוואַרצקייט
פון שושקעדיקן, שאָטנדיקן שוואַרצוואַלד?

דערגרייכסט דו האָסט דעם שניי־שפּיץ פונעם באַרג;
אַראָפּגעלאָזט זיך אין דער טיף פון אָקעאַן;
דיין עראָפּלאַן האָט אויסגעמאָסטן הימלען;
דיין חכם האָט דערגריבלט זיך צו תוכ'ן,
נאָר ביסט דעם סוד פון שוואַרצוואַלד ניט דערגאַנגען —
ער איז געבליבן מוסטער פאַר דיין היינט און מאָרגן.

איז גיי אין וואַלד נאָך שוועמלעך און נאָך בלימלעך ווילד
און זאָל די סטעזשע דיך צעטומלען און פאַרפירן
און הער זיך איין צום נייעם לשון פון זיין תושב
און כאַפּ אַ פּאַס פון זון אין טיפן טונקל,
דערקוויק זיך מיטן שטיפערישן קוועלכל
און זאָג: איך בענק, איך בענק נאָך שוואַרצן וואַלד.

דאָס קינד אין דיר

דו וואונדערסט זיך, דו ווערסט נשתומם,
דו האָסט אַנטפּלעקט אַ נייע וועלט.
דו ביסט אַזוי מקנא
דאָס קינד וואָס וואַנדערט אין די רוימען.
און אַלץ אין דיר עס גאַפט און קוועלט.
דו חידושט זיך: פון וואַנען?

האָסט איינגעזאַפּט אין זיך דאָס וויסן
פון קלוגע דורות אָן אַ שיעור.
געמיינט — האָסט אַלץ פאַרשטאַנען;
געקלימפּערט ברייטלעך מיט די שליסל
און שטאָלץ געעפנט טיר נאָך טיר
און זיך גערימט: ביז וואַנען?

נאָר פּלוצלינג, אינעם קינדער־גאָרטן,
דיך האָט געפאַנגען נייע וועלט
פון קליינע, קליינע קינדער.
דו ביסט געוועזן אַ פרעמדער דאָרטן,
נאָר עפּעס האָט אין דיר צעהעלט,
צעשטראַלט זיך גאָר אַצינדער.

זיי האָבן ביכער נישט געלייענט,
די באַנק פון שול נאָך ניט דערגרייכט
און דאָך זיך אויסגעפורעמט
אין פריידיק־פרישע לעבנס־רייען,
געשטיגן מוטיק אין דער הייך
און ניט געזאַנט פון שטורעמס.

זיי האָבן איינגענומען וועלטן.
דו ביסט געשטאַנען ביי דער זייט
און אויער, אויג צעעפנט.
ווי וואויל געווען איז קינדס געצעלטן,
ווי גליקלעך איז געווען זיין צייט,
וואָס וועט דיך מער ניט טרעפן —

האָסטו ביי זיך אליין באַשלאָסן
און ס'האָט געטאָן דיר וויי און באַנג
פאַר אַלע דיינע יאָרן,
וואָס האָסט אי יאָ, אי ניט גענאָסן.
דער וועג געווען איז לאַסטיק, לאַנג —
דאָס קינד איז דיר פאַרלאָרן.

גייסט איצט אַרום און ס'ווערט פאַרשטענדיק,
אַז ביסט דאָך אויך אַ קינד געווען,
געלעבט אַן אייגן וועלטל.
פאַרוואָס אַנטפּלעקסטו וואונדער שטענדיק
און ווערסט ניט מיד צו הערן, זען,
ווי פריי דאָס קינד געוועלטיקט?

פאַרוואָס דיך נעמט אַרום באַדויער,
ווען קינד די שפּילצייגן פאַרלאָזט?
מיט דיר זיך וויל פאַרמעסטן,
באַקומט אַן אַנדער קול און אויער,
און הייבט אָן וואַקסן ווילד ווי גראָז,
און האַלט זיך פאַרן גרעסטן.

דערפילסט אין זיך אַצינד צוויי וועלטן.
אין דיר פאַרהוילן טיף ליגט קינד
וואָס דו האָסט אָנגעוואָרן.
וואָס ווייטער ווערט דיר קאַלט און קעלטער,
נאָר עפּעס פעסטיקט דיר נאָך, בינדט
צו דיינע קינדער־יאָרן.

באַקלאָג זיך נישט...

באַקלאָג זיך נישט, אַז עפּעס פעלט דיר, פעלט,
ווען ביסט דער רייכסטער אויף דער גאָרער וועלט.

צו קאָנען איבערציילן דיין פאַרמעג,
וועט אויספעלן צייט דיר אינעם לעבנס־וועג.

דו האָסט די פינגער און דאָס צויבער־אויג
און יעדער גליד אין דיר צו ציילן טויג.

און אַלץ אַרום איז פאַרטיק און איז גרייט —
פאַרפלאָנצט, פאַרוואָרצלט און פאַרזייט.

צו דינען דיר און מעלדן זיך: גענים,
צו דיר באַלאַנגט דער קוש און אויך דער בים.

באַדויער דעם, וואָס זעט און דאָך איז בלינד.
פאַר אים דער וואונדער פאַר זיין בליק פאַרשווינדט.

און ווייי איז דעם, פאַר וועמען גאָלד איז אַרץ
און ליכט פון העלן טאָג איז אָפּגעשוואַרצט.

און וואו ער איז און וואו ער קומט, איז ענג;
די וועלט איז איילן פיר, אין ברייט און לענג.

נאָר וואויל איז דעם, וואָס שפּרייט די אָרעמס אויס
און ס'איז די ערד פאַר אים אַן אייגן הויז;

וואָס שעפּט זיך אָן מיט פרייד פון לעבנס־קוואַל
און שאַצט דאָס גאָלד פון יעדן זונען־שטראַל;

פון גרעזל־שפּראָץ און בלימל פּראָסט און ווילד;
פון לייבן־בריל און מאָנאָטאָנעם גריל;

פון שימערדיקן ים און שוואַרצן וואַלד;
פון אוראַגאַן און בליץ און דונער־קנאַל;

וואָס גרייכט געדולדיק צום שפּיץ פון העכסטן באַרג
און גלייכט זיך אוים דעם האַרעפּאַשנעם קאַרק;

געניסט פון פרייד, נאָר ריכט זיך אויך אויף צער.
ער ווערט דער מייסטער, ווען אים דראָט געפאַר.

אַ מענטש איז דער, וואָס ווייסט ווי רייך ער איז.
ער איז דער בראַווער בויער און דער ריז.

באַוואונדערן די שפּאַנונג שיין און קלוג
נישט מעסטן קאָן דאָס קליינע אויג גענוג.

און אויב באַקלאָגסט דיין איך, ביסטו אַ נאַר.
זיי שטאָלץ און שטאַרק — דו ביסט פון וועלט דער האַר.

און יעדע שעה פון אַלע לעבנס־טעג,
דו שעפּ פון נישט דערשעפּלעכן פאַרמעג.

באַהעפט זיך

באַהעפט זיך מיטן שופר־שאַל פון ווידערקול
און זאָל
דיין שטים אַ הילך טאָן, ווי אַן אויסגעשטרעקטע האַנט
דורך הויכער ציגל־וואַנט.

באַהעפט זיך מיט דעם שטאַרן גלאַנץ פון הונגער־אויגן
וואָס טרעפן דיך ווי פייל פון בויגן,
זיי ווען דיר נישט שאַפן רו,
זיי ווילן לעבן אַזוי ווי דו.

באַהעפט זיך מיט דער נויט פון שטאַפלדיקן קעלער:
מיטן חולה אין שפּיטעלער;
מיט וואַנדער־וואַגאַבונד,
מיט זיין ווייטיק, מיט זיין וואונד.

דו ביסט אַ טייל, אַ חלק פון באַשאַף;
דו האָסט אַ חוב, דו האָסט אַ האַפט.
מען ווייזט מיט פינגער אַן אויף דיר.
עס וואַרט אַ וועלט אויף דיין באַריר.

באַהעפטן זאָלסטו זיך מיט זיך אַליין
ביזן טאָג פון דיין פאַרגיין.
אַנטפּלעק די אוצרות פון דיין איך!
ביז דער לעצטער טיפעניש דערקריך.

נאָר מער ווי אַלץ — באַהעפט זיך מיט דיין שכן.
אין טאָג־געראַנגל איז דאָס — נצחון.
דערנענטער זיך כסדר צום אָרום
און זאָל דיין אַנבליק זאָגן: קום.

עס שטרעקן זיך צו דיר אַזוי פיל הענט.
מען האָט אין דיר אַן אייגענעם דערקענט.
בלייבסט שטיין אַ גרייטער און געפּלעפּטער.
ס'איז גוט, ס'איז וואויל מיט וועלט זיך צו באַהעפטן.

וואָרצלען

די לאַנגע, גיריקע פינגער פונעם בוים
נידערן, וואָרצלען זיך טיפער
אין דער איינגעשפּאַרטער ערד אַריין.
געטריי צום הויכן האַר זייערן,
צום שטאָלצן, ברייט אָרעמדיקן בוים.

זיינע שטאַרקע צווייגן נעמען אים אַרום,
באַשיצן אים און צעשפּרייטן זיך אין רוים.
נאָר פֿאַרבאָרגן און באַשיידן זענען די וואָרצלען —
אָן לופט, אָן ליכט, אָן זון, אָן ליב-געזאַנג פון פויגל.
זיי ווייסן, אַז וואָס טיפער אונטן,
וועט פעסטער, לענגער זיין זיין לעבנס-שפּאַן.

אַזוי זיינען דאָך אויך די מאַמעס פון באַשאַף.
זיי האָרעווען אַלץ טיפער, וואָרצלען זיך
אין האַרבן אינגעווייד פון דאָ זיין
און די זין און טעכטער דערהייבן זיך
מיט אויסגעשטרעקטע פעסטע אָרעמס
צום היינט און מאָרגן, צום בלויען האָריזאָנט.

מען לויבט דעם שטאָלצן בוים מיט זיינע ברייטע צווייגן,
מיט זיינע גלאַנציקע, פרישע גרינע בלעטער
און מען פאַרגעסט און מען פאַרזעט די פאַרבאָרגענע וואָרצלען
וואָס גריבלען זיך אַלץ טיפער
אין די פינצטערע לאַבירינטן פון דער פייכטער ערד.

ווי מען פאַרגעסט און מען פאַרזעט
די אויסגעהאָרעוועטע מאַמעס,
די וואָרצלען פון דעם פעסטן שטאַם.

ביז דער לעצטער שעה

וויִ ס׳פּוצט זיך בוים און בלום פאַר פרעמדן דרויסן,
אַזוי זיך צירט די פרוי פאַר דיר, פאַר מיר.
עס פעלן נישט קיין אָרעמס און קיין שויסן,
אַ שמייכל וואַרט ווען עפנסט אויף די טיר
און גלעטנדיקע הענט פאַראַן אָן אַ שיעור.

און אויב ס׳האָט אויסגעזויגן זאַפט פון ביינער
די נישט־פאַרגינערקע, די אַלטע צייט —
באַרימען אָבער קאָן זיך דאָך נישט קיינער,
אַז ס׳איז נישט ווערט געווען דער דורותדיקער בייט
פון נעכטן און פון היינט, פון נאָענט, ווייט.

עס גאַרט נאָך זונשיין־פרייד די שטומע חיה;
די וועווערקע שרייט אוים ווען ס׳טוט איר ווייִ.
פון לאַסטן וויל פלאַנעט זיך אויך באַפרייען;
די ווערט פון פרייהייט ברעקל מילב פאַרשטייט
און מענטש און פלאַנץ — פאַראייניקט זיינען זייִ.

און אַלץ וואָס לעבט וויל אַלעמען געפעלן.
ס׳איז וואויל אַזוי צו זיין באַליבט און שיין.
די וועלט וויל ווערן העלער אַלץ און העלער.
דער טראָפּ איז דאָך אויף יאָ און נישט אויף ניין.
ביז לעצטער שעה עס ווילט זיך נישט פאַרגיין.

בערג

די פיס פון בערג, ווי ביי פּאַרציייטיקע מאַמאַטן.
די טיפע חן־גריבער פון בערג האָט אויסגעקנאָטן
די אַלטע בעקערקע, די ערד.

די רוקנס פון די בערג — וואַנדערער פאַרשטיינערט;
די סטאַרטשנדיקע שפּיצן — אויסגעזויגן ביינער
האָט אַ הונגעריקער בער.

צום הימל האָבן אויסגעלייגט זיך בערג ווי שטאַפּלען;
עס שפּיגלט זיך די זון אין די שוואַרצאַפּלען.
פאַרשוואַרצט זיי ווערן ביי דער נאַכט.

פאַרגליווערט זיינען בערד זייערע די גרויע.
עס אָטעמט מיט פּאַטאַלן משפּט און מיט טרויער
די אויסגעשפּילטע ריזן־מאַכט.

ס׳האָט ווער געמאַכט פון בערג קאַריקאַטורן:
אַ מענטש, אַ חיה, פון עלטער גרייז די שפּורן —
נאָר יעדער וויל דערגרייכן שפּיץ.

ווי באַרג, פאַרמאָגט דער מענטש אַ וועלט מיט אוצרות קברים;
ווי באַרג, ער בלייבט פון אַלע רייכטימער גאָר אָרים;
ווי באַרג, עס טרעפט אים אויך אַ בליץ.

און ווי עס גריבלט זיך דער מענטש, נישט קאָן פאַרשטיין ער
פאַרוואָס אים קומט דער טויט און ס׳בלייבן לעבן שטיינער.

דער פּויקער

ס׳האָבן פּויסטן-כוואַליעס די יבשה אָנגעבויקערט;
ערגעץ-וואו אין טיפע לאַבירינטן, רוישט אַ קאַרניוואַל;
ס׳איז דער מיסטעריעזער ים דער גרעסטער, גרעסטער פּויקער;
ס׳ציטערט־אויף אַ גאַנצע וועלט פון יעדן זעץ זיינעם און קנאַל;
ס׳הערט זיך וואַכיק ווידערקול פון ווילדן שטורעם איבעראַל.

ים, דו פּויקער, מיין באַגלייטער אויפן לאַנגן וויכער-וועג,
כ׳האָב דיך ניט פאַרבעטן, ניט באַפוילן טומלען אָן אַן עק.
לעבן מיינס, ווי ים דער טיפער, רוישיקער ווי שטורעם,
לייכט אין אַלע צייטן, ווי אַ צויבערדיקער טורעם,
נאָר דער פּויקער־ים געוועלטיקט איבער אַלע נעכט און טעג.

טעג, ווי כוואַליעס גלאָז, אין גלאַנץ און פּראַכט פון זונען-שטראַלן,
יאָגן זיך אין פּויקער־ריטם, לעבן מיינס צעקנאַלן;
נעכט, ווי דראָענדיקע שוואַרצע כוואַליעס אין מאַקאַבער טאַנץ;
אינדערפרי זיי ברענגען פון דער טיפעניש צום ברעג אַ פּלאַנץ;
ווייסע אומשולד-שוימען פאַר מיין לעבן כּורעים פאַלן.

זעצט דער פּויקער־ים און וואָרנט: „פון דער ווייטנס קומט געפאַר;
ס׳גייט דיין שיפל־טאָג דאָרט אונטער, פול מיט ווייטיק און מיט צער.״
ס׳מאַניעט פּויקער־ים אַריין אַמאָל דיך טיפער, ווייטער,
און עס רייצן, צימבלען כוואַליעס צו פון אַלע זייטן;
גייסט אַריין אין וואַסער ווי אַ חכם, קומסט אַרויס אַ נאַר.

ביסט מקנא די געוואַגטע שווימער, די אַטלעטן,
שטעלסט אין קאָן דיין טייער לעבן, ווילסט מיט זיי זיך וועטן.
און דער דיריגענט, דער שטרענגער ים, ער הייסט דעם קלעזמער:
„פּויק״!
ס׳וויל דעם גאַנצן האָריזאָנט אַריינגעמען דאָס קליינע אויג
און די זילבער־שוימען, ווי געליבטע, גלעטן, גלעטן.

ס'וויל ניט דונערדיקער אומרו־פויקער לאָזן מיך געמאַך;
כ'הער אין רעווען, ריטם זיינעם, מיין געוויין און מיין געלאַך.
ווייל איך יאָ, צי ווייל איך ניט, איך מוז אים תמיד הערן;
שטאַרקער ווערט ער, ווען די יאָרן מיינע זיך פאַרמערן;
גוט איז מיר און ווויל, וואָס ים, דער פויקער, האַלט מיך אויף דער וואַך.

ווי איך האָב געהיימנישן פון ים נאָך ניט באַגריפן,
ווייס איך ניט פון לעבן מיינעם זיינע טונק'לע טיפן.
נאָר עס רודערט נאָכאַנאַנד דער פויקער, לאָזט ניט בלייבן שטייף,
זאָגט צו מיר: דו לאַך און וויין, דו ברום און ברען, דו זינג און פייף;
לערן זיך ביי כוואַליעס ווי צו שוימען, ווי צו שטיפן.

איז דער אייביקער באַגלייטער אין מיין לעבן — פויקער־ים.
בעסער זיין אַ שותּף צו דעם גאַנצן גרויסן טאַראַראַם,
איידער שטעמפּלען זיך מיט אָפּגעקראַצטע קראַטער־קאַרבן;
איידער זיין אַ צווייג פון אַלטן בוים, וואָס האַלט אין שטאַרבן.
איך געהער צום פויקער־ים, צום אייביק רוישנדיקן שטאַם.

מאַרק שאַגאַל פאַרבט דעם הימל

ווער האָט דעם הימל באַנוצט ווי אַ קאַנווע
צו מאָלן מוראַלן און פרעסקאָס?
געטונקען דעם פּינזל אין זונשיין־פּאַליטרע,
נישט־דאַאיקע פאַרבן געמישט און צעצונדן?

געקלעקט האָט אים רוים האָריזאָנטישער,
צעכראַסטעט, צעלייגט זיך אָן אַ גרענעץ,
צעשויבערט, באַטרונקען פון רחבות,
געקוילערט זיך אויבן, ווי קינדער אויף גראָז דאָ.

און שטאָט האָט געזען און דאָרף האָט געגלאָצט.
אין קיך האָט די ווירטין די טעלער געלאָזן,
אין שפּיטאָל האָט אַ חולה דעם ווייטיק פאַרגעסן,
אויפן ים האָט אַ פישער צום הימל געלעכצט.

און פריי איז געווען דער אויסשטעל פון מאָלער,
און העלדזער מיליאָנען געשטרעקט זיך אַרויף,
און אויגן צעעפנט האָבן מענטשן און חיות צוגלייך
און געגאַפט און געגאַפט.

אָ, ווער איז דער מבין וואָס קאָן דאָס באַשרייבן?
ווער איז דער קינסטלער וואָס האָט דאָס געשאַפן?

ווייסע גיגאַנטישע לייבן רייטן
אויף ראָזעווע, דאַרינקע ציגעלעך;
גאָלדענע עפּל אין צעעפנטע מיילער
פון בלויע צעפלאַשעטע פערדלעך.

און יידעלעך אין זילבערנע זשופּיצעס
טאַנצן אין קאַראַהאָד
מיט רעגנבויגנדיקע הענער.

און ווייטער נאָך און טיפער נאָך—
שטיפער פאַיאַצן מיט שפּיציקע מיצלעך,
און טשאַרלי טשאַפּלין מיטן שטעקן—
אַלע אויסגעפּוצטע אין העלע בגדים
שפּילן זיך אין בלינדע באָבע,
צווישן בערג פון פיאָלעט און פייער.

— — — — — — — — — — — — — —

און ביי דער זייט שמייכלט אַ פאַרשעמטער
דורך אַ וואָלקן־שויב אַ ווייסער
דער בלוי־אויגיקער וויטעבסקער מאַרק שאַגאַל—

די האָר גרין באַקראַנצט,
דאָס רונדיק פּנים—אַ פולע לבנה,
די קליינע הענט צונויפגעלייגט אין צונטער רויט...

און די וועלט האָט געזען
און די וועלט האָט געוואוסט:
מאַרק שאַגאַל האָט דעם הימל געפאַרבט,
מאַרק שאַגאַל האָט דעם הימל געפאַרבט!

העלף

מיר וואוינען אין אַ וואַלד
מיט הונגעריקע וועלף.
העלף!

די זון גייט אויף, פאַרגייט.
פינצטער ווערט.
עס שלאָגט דער זייגער צוועלף.
העלף!

די הענט שפּרייט אויס צו דיר
דער גרייז.
דאָס קינד שרייט אויס צו דיר:
שפּייז!

עס וויטאָגט קראַנקער
אין שפּיטאָל.
עס לאָזט נישט רוען דיך
זיין קול.

פון לעכער לויפט מען
שוין אַרויס.
מען זוכט אַ שלאָס,
אַ שויס.

ס׳גרינט דאָס גראָז,
ס׳איז שטאָלץ דער בוים.
בענקען בענקט מען
נאָך אַ טרוים.

דער נעכטן לויפט דיר
נאָך.
ציילסט די טעג,
ס׳איילט די וואָך.

דו גייסט אַראָפּגעלאָזט
די נאָז.
דאָס לעבן פרעגט:
פאַרוואָס?

מיר לעבן אין אַ וואַלד
מיט הונגעריקע וועלף.
העלף!

האַי סיערע
(High Sierra)

1.

די גרויע בערג, ווי אַש; זיי שווייגן ווי דער טויט,
נאָר אויפגעבויט
אויף זיי האָט דער סקולפּטאָר־מייסטער, די נאַטור,
אַ קאַלטן שפּור
צו ניט־אַנטפּלעקטע טיפע אוצרות פון דער צייט,
אומענדלעך ווייט.
און ניט באַרירט האָט נאָך דעם מענטשן־טראָט דעם וועג
פון זיין פאַרמעג;
און אין די שטיינערדיקע שטייפע בערג עס ליגט
פאַרהוילט, דערשטיקט
אַ שאַכט פון פינקלדיקן ניט־דערשאַצטן גאָלד,
וואָס האָט געזאָלט
באַגליקן די בעלנים־גרעבער פון דער וועלט,
נאָר ס'האָט די קעלט
געמאַכט אַ סוף צו זייער גיריקן באַגער
און בלויז דער בער
געפונען האָט אַ פרייע היים דאָ אינעם וואַלד;
און אין אַ שפּאַלט
פון טיפער ווילדערניש פון ציטערניש פון ערד
ליגט אייז פאַרטערערט.

2.

עס האָבן אונדז די אַלטע און די נייע לערעס
גערופן צו די האַי סיעראַס
און זומער, אין די שטיקנדיקע גרויסע היצן,
געגומען האָבן זיך פאַרקריצן
אין אונדז די וואונדער פון די הויכע בערג פאַרשנייטע
און שטילערהייט די אַנגעגרייטע
און ניט דערוואַרטע טרעפּענישן מיטן ווינטער;
געלאָזט דעם זומער גאָר פון הינטן.

די האָי סיעראַס מיט די שפּיצן מינאַרעטן!
די האָי סיעראַס, וועלכע גלעטן
די שפּיגלדיקע טיפע אָזערעס די בלויע.

דער שניי האָט זיך גענומען טויען
און דורכגעדרונגען האָט די זון מיט אירע שטראַלן —
אַ שטראָם געטאָן די וואַסערפאַלן
אַראָפּ, אַראָפּ פון בערג מיט ראַשנדיקן אימפּעט;
עס ליגן אָזערעס אין קינפּעט;
אַ סוף צו שטילעניש, עס ווערט דאָ אַ גערודער,
עס קומט דער קוואַל דער רוישיקער צום רודער,
נאָר העט גאָר אויבן, אויפן אייז געטורעם,
דאָרט הערט מען ניט דעם פרישן שטורעם;
צעבויטעט האָט זיך פון די בערג דער שניי געפּענטעט,
צעוויגט זיך ווי פון ווינט די לענטעס,
עס האָבן ריטשקעס וואַסער שטאָלץ און אָנגעשוואָלן,
דערפרייט מיט זיי זיך האָבן טאָלן.

עס האָבן זיך אויף בערג צעפּראַלט די ווייסע טירן,
גענומען האָבן גאַלאָפּירן
באַפרייטע זילבערדיקע שטראָמען מיט אַ שאַלן
פאַראייניקט אין די וואַסערפאַלן.

געדונערט האָבן ריטמיש מעכטיקע קאַסקאַדעס
פון הויכער סיעראַ נעוואַדאַ.
אַריין מיט אייפער אין די אָזערעס די בלויע
געשפּאַנט אַריבער צאַם און טויער;
אַריין אין אויסגעדורשטע לעכער, מדבר פלאַכן
געמאַכט די קעקטוסעס צום לאַכן.
אַריין אין וואַלד פאַרשלאָפענעם און שטילן,
מיטביימער גענומען זיך שפּילן;
געשאַפן נייע וואַסער־גריבער און געוועבן,
עס האָט געשפּראָצט מיט ליכט און לעבן.

געיאָגט זיך האָבן וואַסערן, ווי ווילדע ביקלעך,
דערגרייכט די ראַנדן פון די בריקלעך.
אויף גלעטשערדיקע שטאָלצע האַי סיעראַס
געביטן האָט זיך די אַטמאָספערע.

3.

די טונקל-בלויע אָזערעס אין בערג די ווייסע
דערציילן מעשות
פון טויזנטער און טויזנטער פאַרבאָרגענע יאָרן
פון אייז פאַרפראָרן,
פון מיילער אויסגעטריקנט פון די אַכזר היצן,
פון דונער, בליצן,
פון פלוצלינגדיקן ערד־געציטער און געוואַקל,
פון פייער פאַקל,
פון שפּייענדיקן לאַווע־צאָרן פון וואולקאַנען,
פון אוראַגאַנען,
וואָס האָבן צעפליקט דאָ דעם ערדישן באָדן,
גרויס איז דער שאָדן
מיט ברוכווארג און פחד, געשונדן די הויטן,
צעריבן טויטע.
די שווימער געניטע אין טיף אריינגעלויערט,
עס האָט געדויערט
אַ רגע בלויז און מענטשן-שטאַם האָט באַדויערט.

געקומען איז דער פישער געוואַגטער זיך שפּייזן.
שווער איז די רייזע,
נאָר אויסגעטראָטן האָט ער די שטעגן און וועגן
פאַר זיין פאַרמעגן.
און שיין זיינען די טיפע אָזערעס געבליבן,
נאָר זיך צו פאַרליבן.

4.

די פערצן טויזנט פוסיקע גיגאַנטן־משפּחה,
די פּאַטריאַרכן מיט די אויסגעשפּרייטע ווייסע אייז־בערד,
מיט הונדערט און צען קינדער־אָזוערעס,
פירן דאָ די גרענדע פּאַראייניקטערהייט.
מאַונט וויטני אין דער שפּיץ און לעבן אים, ווי שומרים,
די זילבער־טורעמס פון אַ צענדליק בערג־שפּיצן.
עס שטרעקט זי אויס זיין „איינזאַמע סאַסנע״ אָזוערע
און די גרעסטע שטאָלצע „קאָנסולטאַציע״ אָזוערע.

ווי אָראָפּגעקייקלט טוליען זיך די ברוינע אַלאַבאַמאַ בערג
מיט זייערע גראָטעסקע היהשע פיגורן
און סקולפּטורישע אַבסטראַקציעס.
און גאָר, גאָר אונטן האָט אויסגעשפּרייט די אָרעמס זיינע
דער נאָכגיביקער „אָוענס״ טאָל.

און מענטש איז נישטיק קעגן זיי
און זיין ממשלה מיט די יינגלישע זיגזאַגן
רירט ניט אָן דאָס אייזיק הארץ פון דער פאַרשטיינערטער אימפּעריע.

די האַי־סיעראַס הויערן איבער זייערע קינדער, די אָזוערעס,
און נעמען זיי אָרום מיט די ווייסע מעכטיקע לאַפּעס.
די „מאַמאָט״ אָזוערעס, בלוי און ווייס און שאַטנדיק שוואַרץ פון בארג;
די „פאַרברעכער״ אָזוערע, ארומגעצאַמט פון דריי פעסטונגען־בערג;
די „מאָנאָ״ אָזוערע מיט אירע סטאַרטשנדיקע גלאַטע פעלדזן;
די „דזשון״ אָזוערעס מיט אומשולדיקער מראה און פול מיט
גלוסטיקע פּאָרעלן;
די „טאָפּאַז״ אָזוערע, ווי אַ פינקלדיקע צירונג צווישן ווילדערנישן;
די „קראָולי״ אָזוערע מיט די הייסע קוואַלן.

קומט דער ווינטער, קומען סקיער מיט די גליטשערס,
און זיי טאַנצן אויף די גלעטשערס.
סקיער אויפן מאַמאָט באַרג—יונג און לוסטיק,
נאָכן טאַקט פון וואַלץ־מוזיק;

סקיער פליען, סקיער שטיפן, קוילערן זיך, נעמען איין די ווייסע וועלט.
ס'באטראכטן זיי געדולדיק די „קארניזן" שפיצן פונעם מאמאט.

קומט א פולע ליכטיקע לבנה און זיך שפיגלט אין די ווייסע בערג;
ווייסער ווערט דער אייז, זילבערדיקער גלאנצן אפ די שפיצן,
דוכט זיך, אז די בערג האלטן אטעם איין,
אלץ ארום בלייבט פארחידושט,ווארט אויף לבנה-שיין;
רירט זי אן דעם בארג, ווערט ער יונג צוריק,
ווי א פארליבטער אין א לבנה-נאכט.
גאפט דער מענטש מיט אפן מויל און דערשרעקט זיך
פאר דער נים-דאאיקער שיינקייט,
זעט ווי ס'באהעפטן זיך לבנה מיט די בערג
אין א יצירה אקט.

5.

די האי סיעראס—דאס לאנד פון גרייז-גרויען עלטער און יונגן מארגן;
אייז און שניי און בריענדיקע זון און ווילדער דזשאנגל וואלד;
ארום די אזוערעס—מחנות פון פאנדעראזעס, סאסנעס, יעלן און צעדערן;
און אויף דער פלאך— קעקטוסן און משונהדיקע יהושוע קוסטעס;
און ריזן-שטיינער פלאסטן, ווי באשטראפטע פארשיקטע,
אויסגעשפיגענע פון זידנדיקע וואולקאנען;
און שווארצער באדן מיט אויסגעלאשענער לאווע;
און דא און דארט א פארזארגטער בער
און לאנג-הארנדיקע צעשראקענע הירשן.

און וואו איז דער בן־אדם וואס שטיקט זיך
אין דער טורעמדיקער גרוים-שטאט?
און ווען ער קומט אהער דא, איז דאס אויף בייז-וואונדער;
גיט א שמעק, א לעק און טראגט זיך אפ פון דאנען.
ער נייטיקט זיך אין טעלעפאן און טעלעוויזאר,
אין רויש פון אונטערבאן און ריטשען פון אמבולאנסן.
ער האלט מלחמה פאר א פיצל ערד
און דא ליגט ערד צעכראסטעט און בעט זיך:
נעם מיך, ברודער, און באהעפט זיך מיט מיר.

אויף די רוקנס און די בייכער פון די סיעראַס
האָט דער שניי, דער מאָלער, אויסגעצירט
אולטראַ־מאָדערניסטישע געוועבן און געמעלן:
פיגורן פון וואָלפיש, געגדז, מאַלפּעס און מענטשן,
אַלץ מיט די פּיס אַרויף און די קעפּ אַראָפּ.

דער סקולפּטאָר־צייט האָט אויסגעהאַקט פּאַלאַצן
און פּרע־היסטאָרישע חיות און געשטאַלטן.
און די זון און שטורעמס און שניי־זאַווערוכעס
האָבן אויסגעפּאַרטיקט די לעצטע שטריכן.

און איבער אַלץ הערשט דאָ אַ סודותדיקייט,
אַ קאַלטע, קלאָרע שטילקייט, אַ שעפּטשענדיקע רו,
וואָס באַהאַלט אין זיך טיף, טיף דעם אמת
פון די דראַמעס און לעגענדעס פון די זיידעס־באָבעס
פון אַמאָליקן אַמאָל, פון אָנהייב פון באַשאַף.
שטייען זיי מיט פאַרמאַכטע לעפּצן, די האָי סיעראַס,
שווייגן מיט זיי די קינדער־אָזערעס.

ווען וועט דער מענטש דערלערנען דעם אייערנעכטן?

דער מעכטיקסטער וויכער־ווינט
קאָן דעם שוואַכסטן באַרג ניט אַ ריר טאָן;
בלויז אַן אַכזרדיקער בליץ
קאָן אָנצינדן אַן אוראַלטן וואַלד,
אַ וואָרנונג, אַז ער זאָל ניט דערציילן קיין סוד...
ברענען וועלן שפּיצן בערג,
נאָר אויסלאַכן וועלן זיך די פּאַטריאַרכן
און ווידער איינדרעמלען.

צעטומלען וועט די סיעראַס
אַ וואולקאַן, וואָס גייט אַרויס פון די כּלים
און זיין גרימצאָרן צעדריבלט די געדערים פון אַ באַרג.
ס'וועט די ערד אַ שיכּור טאָן און זיך צעוואַקלען
און שפּאַלטן באָדן און צעברעקלען הויכן

און אויספּליקן שטיקער ערד
און איבערלאָזן טיפֿע גריבער־וואונדן.
ס׳וועלן גייזערס הייסע פֿון דער טרוקענער ערד אַ שפּריץ טאָן
און קיינער וועט ניט וויסן ווען און ווי אַזוי און פֿאַרוואָס.

און קיינער ווייסט ניט ווי אַלט עס איז
דער לעבעדיקסטער עלצטער פֿון באַשאַף —
די „שטייפֿע־שישקע־סאָסנע", וואָס וואַקסט אויף העכסטע בערג,
די נאַקעט־ווייסע און מדבּרדיקע.
דאָרט בליִען זומערצייט די ווילדע בלומען,
זיי פֿירן צו די שטעגן פֿון דער „אַלף־סאָסנע".
די שישקעס זיינען פּורפּור־ברוין מיט קורצע נאָדלען.
צעקנוידערט זיינען שטאַמען און די צווייגן.
דאָרט אויבן צען טויזנט פֿיס הויך,
לעבן די לעצטע ביימער, די „אַלף־סאָסנעס".

6.

אַמאָל, אַמאָל האָבן גאָלד־זוכערס
אַנגעקלאַפּט אין די טירן פֿון די סיעראַס;
אַמאָל, אַמאָל האָט דער זילבערדיקער גלאַנץ פֿון גלעטשערס
געמאַניעט די זילבער־זוכער אין די גערעדים פֿון די בערג;
אַמאָל, אַמאָל האָט דער שטן־באַרג
געבוירן אַרץ און קופּער
און צוגעצויגן צו זיך די שטאַרקע לייט
פֿון גאָר דער וועלט, וואָס האָבן דאָ געפּרירט
און געפֿונען אוצרות ביז אַ שיעור.
און ווען נאָך אַלע גליקן זיך אויסגעלאָזט
האָט אַ טייך, איז דער מענטש פֿאַרשוואונדן
און פֿון די ישובֿים אין די סיעראַס
זיינען געוואָרן געשפּענסט־שטעטלעך
און שדים טאַנצן דאָרט מיט ווינטן מוזיקאַנטן.

7.

אַמאָל, אַמאָל האָבן דאָ געוועלטיקט די אינדיאַנער שבטים,
די שאָשאָנעס, די פּועבלאָס, נאַוואַכאָס און יאָקוטן.
טראָגן בערג און טאָלן אינדיאַנער נעמען,
האָבן זיי געלאָזט נאָך זיך שטיינער־ביכער פּעטראָגליפן;
האָט זייער פאַרגאָסן בלוט געשטראָמט
איבער לאַנד און טייך, אינעם וואַלד און מדבר —
צו דער שאַנד און פלוך פון באַצווינגער אַמעריקאַנער.

מערן זיך טוריסטן צו די האַי סיעראַס ;
נעמען זיי זיך איבער מיט די נעמען אינדיאַנער;
רימען זיי זיך מיט די שניי־באַדעקטע טורעמס פון גראַניט ;
מייט די גרינע נאָדל ביימער וועלדער;
מיט די טיפע סודותדיקע קעניאָנס ;
מיטן שטומען הייסן מדבר.

וואונדער איבער וואונדער פון באַשאַף!
קוק און גאַף און זעטיק אָן זיך.
נייג אָן דיין אויער צו די גרוסן פון די עלטערזיידעס, באָבעס.
יאָ, דו וועסט זיי דאָ געפינען; אין די בערג פאַראַן נאָך גאָלד,
און אַרץ און זילבער, קופּער און איידלשטיינער;
וועסט אויך דאָ געפינען אָנזאָג פאַרן מאָרגן.

מיינסט דו ווייסט שוין אַלץ,
נאָר דו האַלטסט נאָך אַלץ ביים אַלף־בית.
אפשר קלאַפּט אַ האַרץ אויף שפּיץ פון גלעטשער;
אפשר קלייבט זיך אויסרעווען אַ וואולקאַן;
אפשר וועט אַ טרייסל טאָן די ערד
און וועסט דערפילן פּחד פון אַ קינד.

אפשר ליגט דאָ פאַרבאָרגן דיין מאָרגן.
פרעג זיך נאָך ביי די האַי־סיעראַס.
אפשר ווייסן זיי דעם סוד,
דעם סוד פון דיין זיין דאָ אויף דער ערד.

וואַסערפאַלן

דו ביסט איינזאַם צווישן אוראַלטע פעלדזן.
דו ביסט יונג אַזוי, נאָר פרעמד איז דער אַרום.

זיי סטאַרטשען מוראַדיק אין סודותדיקער הויך
און דו ביסט קליין אַזוי און הילפלאָז.

מעכטיק זיינען זיי, מיט גרויל פון אַלע צייטן,
נאָר שטיל איז אַלץ פון נאָענט און פון ווייטן.

און דו ביסט מייסטער איבער אַלע שפּיצן.
אפשר שווייגן זיי מיט שטומעניש פון אויסגאַנג.

איבער זיי וואָיען וויכער־ווינטן אַ טאַנץ־מאַקאַבער;
בריען זונען אוים דאָם לעצטע ביסל זאַפט;
אין מלחמות שפּילן זיך זאַווערוכעס־שנייען —
בייזע רוחות דורות צווישן זיי זיך דרייען.

גייסטו פאַרזיכטיק פאָרוים, ציטערט יעדער טראָט דיינער.
וואָלט אַ פייגעלע זיך דערבאַרעמט און אַ טרעל געטאָן;
וואָלט אַ הירש אַ רויש געטאָן צווישן פלאָנטער־צווייגן.

וואָלסט אַליין אַ קוויטש געטאָן צו הערן ווידערקול.
אַלץ אַרום דיר שווייגט מיט פּחד פון אַמאָל.
איינער ביסטו דאָ און פעלדזן אָן אַ צאָל.

פּלוצעם שטעלסט דיין אויער אָן און האָרכסט.
ס'קומט אַנטקעגן דיר אַ זאַלפּ פון כוואַליע־קלאַנגען,
אַ מיראַזש פון שטורעם־ים אין ווילדערניש פון בערג?

פאַרשנעלערסט גאַנג און העכער ווערט דער קלאַנג.
יאָ, עס רודערט זיך אַלץ מער מיט יעדן שפּאַן.
ערגעץ, גאָר נישט ווייט פון דאַן, איז אַ לעבנס־ברויז פאַראַן.

2.

אַ פינקל גיבן זילבערדיק פון פעדעסטאַלן,
אין טיפעניש פון כּף־הקלען,
די שפּרודלדיקע וואַסער־קוואַלן.

זיי ווילן אויפוועקן דעם פאַפּנדיקן באַרג.
זיי זיינען שוועבנדיקע טענצער אויף זיין קאַרק.

זיי זיינען יאָג־פערדלעך אין גאַלאָפּ,
מיט שווינדלערישן שנעל אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ —
אין גרינעם גראָז, אין אָרעמס פונעם טייך,
מיט ריטם פון אַ מאַכט, די מאַכט פון קיניגרייך.

די קוואַלנדיקע וואַסערפאַלן!
זיי פּראַלן אויף
פאַרמאַכטע זאַלן פון די סקאַלעס,
מיט שטראָמען שטראַלן
פון התלהבות.

זיי שאַלן אוים
כאָראַלן
פון פּאַסטאָראַלע פינאַלן.

זיי קנאַלן ביימשיק
איבער די פאַרצייטנס.
זיי כוואַליען אוים סיגנאַלן
צו דעם מאָרגן.

זיי נעמען איין די הויך און נידער,
זיי זינגען לידער
פונעם היינט.
עס שיינט
זייער זיג
אין קריג.

צום נעכטן נישט צוריק!
זיי פליקן שטיקער
פונעם בארג,
נישט געקארגט!
פארוים, פארוים, פארוים
צו ווארטנדיקער שוים
פון גרינע פלאכן.
זיי פרייען זיך, זיי לאכן.

עס שאלן
קארניוואלן
אין וויסטער ווילדערניש,
אין שטייפער שטומעניש,
אין טויטער שטילעניש,
עס יאגן זיך גאר שטיפעריש
די וואסערפאלן, די וואסערפאלן.

און דו ביסט יונג געווארן!
און פון די בערג דער יאך פון יארן
איז מיטאמאל נישט געווארן.

און מיטגענומען האסטו אויף דיין שפאן
פון וואסערפאלן דאס געזאנג!

אַ פּלאַנץ

דו ביסט אַ פּלאַנץ, וואָס בייט איר אויסזען
מיט דעם באַריר פון היץ און קעלט.
די הייסע זון, דער ווינט, די רעגן־טראָפּנס,
צומאָל זיי זיינען היילער און צעשטערער.
זיי זיינען ריכטער פון דיין זיין.

דו ווערסט פאַרזייט, פאַרזעצט, דו האַלטסט אין וואַקסן
און ווי דאָס גרעזל, בוים און בלום,
דו שפּראָצסט, דו בליסט, ביז ס׳קומט די צייט פון וועלקן.
פאַרנעמסט דיין אָרט אין סאָד דאָרט, צווישן פרוכטן.
דו ווערסט אויך אָפּגעזונדערט, ווילד.

און ווי אַ פלאַנץ שטייסט אויס אין צייט אַטאַקעס
פון הונגעריקן לעבנס־מין.
די זון טוט גוטס, טוט שלעכטס, זאַפּסט איין דעם רעגן,
לעבסט איבער וויכער־ווינטן, זאַווערוכעס.
די עלטער שטעמפּלט אָפּ איר סוד.

דו מיינסט דו ביסט דער הערשער איבער פלאַנצן.
ווי זיי דיין גורל איז באַשטימט.
דו ביסט אַ פלאַנץ, וואָס נייטיקט זיך אין פלאַנצן,
נאָר ס׳וועלן איבער דיר די גראָזן וואַקסן.
דו ביסט דער מייסטער און דער שקלאַף.

דו ביסט איין פלאַנץ צווישן מיליאָנען.
ווי זיי דו ווייסט נישט ווער דו ביסט.
די באַלעבאַטים זיינען זון און רעגן.
דו ווערסט נישט מיד צו פרעגן, איבערפרעגן,
פאַרוואָס דו ביסט אַזוי ווי גראָז.

זאָל דיך אַרן

ערגעץ־וואו גייען קינדער אוים פון הונגער;
ערגעץ־וואו גייען גרינע וועלדער אוים אין פייער;
בעסטע בירגער שמאַכטן אין די תפיסות.
ס'דראָען אַרום דיר געפאַרן —
זאָל דיך אַרן, זאָל דיך אַרן.

הערסט געוויין פון שכנס ווינקל;
ס'יאָגן אַמבולאַנסן איבער גאַסן;
יונגער בחור נישטערט שפּייז אין אָפּפאַל;
שיינע מיידל וויל דעם תהום פאַרנאַרן —
זאָל דיך אַרן, זאָל דיך אַרן.

ס'ראַנגלט זיך אַ פאָלק פאַר סאַמע לעבן;
שטאַרקער וויל דעם שלאָפן נאָר דערשלאָגן;
ס'ציטערט אַלטיטשקער די היים פאַרלאָזן;
מערדער הערשט אויף טראָטוארן —
זאָל דיך אַרן, זאָל דיך אַרן.

אָרעם מענטשל בוילט די פויסטן קעגן הימל
און אַ מאַמע שטרעקט די אָרעמס פול מיט וויטאָג;
זעסט יסורים, זעסט קאָנוואולסיעס;
אַנגעזאַפּט איז לופט מיט צערן —
זאָל דיך אַרן, זאָל דיך אַרן.

זאָלסט דיין אויער נישט פאַרשטאָפּן;
זאָל דאָס אויג דיינס וואַך זיין, וואַך זיין;
ברייט צעעפן האַרץ און שטאַרק זיך;
אין דיין ווינקל טו זיך ניט פאַרשפּאַרן —
זאָל דיך אַרן, זאָל דיך אַרן.

וואונדן

האַסט אויפגעבונדן
פון דער וועלט די וואונדן
און האַסט פון היץ און קעלט
דיין פּנים זיך פאַרשטעלט.

ווער איז דאָס געווען דער רשע־מרושע,
וואָס האָט געלאָזט אונדז די ירושה
פון צאָרן און צער
און אייביקער געפאַר?

זוכט מען די אמתע היילער
אין אַלע ערד־טיילן
פאַר די וואונדן פון דער וועלט,
נאָר דער רעטער פעלט נאָך אַלץ און פעלט.

און ווידער האָבן בלוטן זיך צעצונדן
דערזעענדיק די וואונדן
בלוטיק טיף און הויל,
ווי אַ צעוויי טיקט מויל.

שטייט די וועלט, די מאַמע
און ברעכט די הענט צוזאַמען:
אַז אָך און וויי איז מיר און ווינד —
ראַטעוועט מיין פאַרוואונדעט קינד!

טאָג-בוך פערזון

די טויב, זי גוידערט זיך,
פאַררייסט דאָס קעפּל
און גרייט איז זי פּאַר אַן אַטאַקע;
פאַרטרייבט די פייגעלעך צוליב אַ ברעקל.
צו קיינעם ניט געטריי —
די טויב, זי ברענגט מיר ניט קיין שלום.

⁂

אַ נעפּל־וואַנט פאַרשטעלט דעם הימל און דעם ים;
די זון זי בויערט דורך אַן עפענונג.
טעג פון נעפּל־גראַטעס
רינגלען דיך אַרום.
אַ בליק אַ טרייער
דרינגט אַריין אין דיר,
ווי די זון דורכן נעפּל־מויער.

⁂

פאַרקליבן זיך אין אַ ווינקל
צו זיין אַליין,
אַנטרונען ווערן פונעם מענטש אַ ווייל,
ניט הערן מער די קולות פון דערווידער —
נאָר ס'האָבן כוואַליעס זיך אַ לאָז געטאָן צו דיר,
און אַ ווידערקול האָט דיך פאַרפאָלגט
פון שטורעם־ברויז אין זיך
פון דיין אייגענעם געוויסן.

⁂

ווי אַ טויבער אַ געניטער,
דרינגסט אַריין דו אינעם לעבנס־ים.
דערגרייכסט די טיף, באַזיגסט די טיף,
נאָר קומסט אַרויס אַ נאַר אַן אָפּגעשליסענער.
דאָס לעבן האָט אַרויסגעשטעלט אַ פייג.
דו ביסט אַ גאָרנישט צווישן נישטן.

***

זי שמייכלט און ס'שמייכלט דער אַרום.
זיך אָפּגעטאָן האָבן די קנייטשן.
זי איז אַלעמען געפעלן
און זיך אַליין אויך.
נאָר אין איר היים וועלטיקט אומעט.
די איינזאַמקייט ליגט מיט איר אויף איין קישן.
זי חלשט נאָך אַ שמייכל, נאָר ס'לאָזט זיך אויס אַ טרער.
מאָרגן וועט דער טראָטואַר
אַ שטראַל טאָן פון איר שמייכל.

***

ווינט און ווילן ווען וואַכן,
שטויסן שטאַרק און שאַרף און שטומערהייט:
לעב און ליב און לויב און לוסט;
היט דעם היינט, האַלט אָן האַרמידער;
זאָט מיט זון, זאָג: זאָל זיין
צוועק און ציל — צום די צייט.

***

זיינען זיי געקומען:
פון פעלדער דורכגעווייקט פון שוויים;
פון בערגער, ווי פאַרשטיינערט;
פון ריחדיקן פיש־פאַנג;
פון קאָרצערדיקן יאָך;
פון היימישע, וואַרעמע שויסן.
נאַ, קוק זיי אָן — זיי זיינען דאָ.
זיי מאָנען, פאָדערן אַ חשבון —
ביי מיר, ביי דיר, ביים האר פון אַלע וועלטן.

***

די וועלט איז אַ קאַפּעליע,
די קלעזמער זיינען מיר.
דאָס קינד איז אַ פּיקאָלאָ,
וואָס אין פידעלע שטעקט — די פרוי;
דער מאַן — דער האָרן און די פּויק.
צומאָל ביסטו אַליין דער אָרקעסטער
און שפּילסט אויף יעדן אינסטרומענט.
אַ צויבער־האַנט פון אַ דיריגענט
דיקטירט דעם אימפּראָוויזירטן פינאַל.

***

דו, וואָס טראָגסט די קרוין,
ביסט אַמאָל אַזוי מקנא
דעם אונטערטעניקסטן בעל־חי.
סע דרינגט דיך דורך די קאַץ;
ס'וויל לעקן דיך דער הונט
און ס'וועקט דיך אויף דאָס פּיצל פייגעלע
צום לעבנס־דינסט אין פרימאָרגן.
זיי ווערן געפירט פון אַ זיכערער האַנט,
נאָר דו ביסט הילפלאָז אינעם רוים.

*
**

דו וואַרטסט און קאַנסט זיך ניט דערוואַרטן
און ווייסט אַליין ניט אויף וועמען.
דו קוקסט דיר די אויגן אויס
אין סודותדיקער ווייט
און ס׳קומען בשורות אַן
גוטע און געמיינע,
נאָר דו שטאַרסט אין ווייט
און גאַרסט אויף אימיצן
און ווייסט אַליין ניט אויף וועמען.

*
**

אויפן בית־עולם אין האָליוואוד
וואַקסן פּערסיקעס און אַפּריקאָסן.
נעמט זיי קיינער ניט אַראָפּ.
מען לאָזט זיי איבער פֿאַר די איינוואוינער, די מתים.
בלומען־קראַנצן האָבן איינגעטונקען
דעם אָרון פֿון אונדזער פֿריינד.
דער ראַבאַי האָט געלויבט איר טוגנט,
נאָר מיר האָבן איינגעהאַלטן אונדזער שמייכל
און געטראַכט פֿון די רייפֿע פּירות
אויפן בית־עולם אין האָליוואוד.

*
**

פֿון מיין קאַלטער שטיינערנער באַנק
זע איך ווי די מענטשהייט גייט פֿאַרביי:
יונג און אַלט, קליין און הויך,
פּאַרזענישן און רייצנדיקע יונג־פֿרויען.
כ׳הער די רייד, כ׳פֿאָלג נאָך די מינעס און דעם הילוך.
כ׳בין דער מבֿין און טייל אויס אַן אורטייל.
נאָר אַלע באַדויערן מיך
וואָס כ׳זיץ אַליין
אויף דער קאַלטער שטיינערנער באַנק.

***

ס'איז נים געווען קיין גוטער אויפשטאַנד אינדערפרי.
דער הימל האָט געגרויט,
ס'האָט אַלץ געגרויט אין מיר
און דראַענדיקע פינגער
האָבן מיך געשפּיזט,
דאָס הויז געוואָרן איז אַ קאַרצער.
אַ קלונג אין טעלעפאָן:
אַ זוניק קול, אַ וואָרט אַ גוטס
און ס'איז פאַרשוואונדן שלעכטס פון ערד.

***

און נאָך אַ מאָרד און נאָך אַ בראַנד
און נאָך אַ באָמבע פּלאַצט ביי דיינע פּיס.
די טעלעוויזיע ברענגט דעם טויט
צו דיר אין הויז אַריין.
בעטסטו זיך ביי איר:
באַשענק אונדז מיט אַ ביסל מנוחה,
זאָל אַ שמייכל פריידיקער אונדז באַגליקן.
נאָר סע ענטפערט דער קאָמענטאַטאָר:
נים היינט, נים היינט...

***

סע לאַדט צו זיך דאָס ווייס געלעגער;
דאָס מילדע קישן בעט: לייג דעם קאָפּ אויף מיר.
ס'פאַרפאָלגט דיך מידקייט פונעם טאָג.
לעש אוים געקינצלט ליכט.
זאָל אָפּטאָן זיך דער עול און מאַטער.
זאָל אומשולד פון אַמאָל באַגלייטן דיך
צום ווייסן בעט, מיט געטרייען גלעט.

***

אָ, דער בייזער, וויסטער חלום!
שטיקט און וואַרגט און לאָזט ניט אָפּ.
ווילסט זיך אויפכאַפּן און קאָנסט ניט.
פּילדערסט, שרייסט און קרעכצסט פון פּיין.
נאָר אינדערפרי, ביים אויפשטאַנד,
ווען סטו ניט דערמאָנען זיך,
וואָס געחלומט, ווען געחלומט;
וואונדערסט זיך און לאַכסט:
איז דאָס לעבן דען אַ וויסטער חלום,
צי מען דאַרף זיין תמיד אויף דער וואַך,
תמיד אויף דער וואַך...

*
**

ער עסט זיך אויף אַ לעבעדיקער;
קאָן ניט פאַרטראָגן די זינד פון דער וועלט;
אַ נעגער-מאָרד אין אַפריקע איז זיין האַרץ-קלעמעניש;
אַ קינד גייט אוים פון הונגער אין באָמבעי —
גייט ער אוים פון ערגערניש.
ווי לאַנג וועט אַזוי אָנהאַלטן?

*
**

זי נעמט זיך צום האַרצן פון יעדער זאַך:
צוויי חברטעס זיינען קראַנק;
איר אייניקל געוואָרן איז אַ „היפּי";
די בענקעניש נאָך איר טויטן מאַן הערט ניט אויף
די קנייטשן אַרום איר האַלדז ווערן טיפער;
דער יקרות שטייגט, ניט אויסצוהאַלטן.

*
**

דער יונג האָט זיך פֿאַרלאָזן לאַנגע מיידלשע האָר;
געלאַטעט זיינען זיינע פּלודערן;
גייט אַרום אין גאַס אַ באָרוועסער;
סע גייט אים מער ניט אָן קיין זאַך;
ס'איז ניט זיין עסק, ס'איז ניט זיין וועלט,
נאָר דער אַפּעטיט צו דער אכילה און צו מוידן איז גרויס.

***

צו אַכצן יאָר איז זי פֿאַרליבט אין זיך אַליין
און גלייבט, אַז די גאַנצע וועלט איז אין איר פֿאַרליבט.
גרויס און קליין באַלעקן זיך פֿון איר שיינקייט,
שמייכלט זי אָן אויפֿהער, אפילו אין שלאָף.
אַ, ווי וואויל ס'איז צו לעבן אויף דער וועלט.
זי שפּיגלט זיך כסדר און אַלץ שפּיגלט זיך אין איר.

***

פֿאַרוואָלקנט איז דער הימל מיט שווערע פּעק.
צעשטערט האָט ער אַ פּיקניק אונטן.
בליץ און דונער גייען אויף אַ דועל.
אַ טייכל וועט אַרויס פֿון די ברעגעס.
ערגעץ־וואו וועט דורכנעצן אַ דאַך.
די וועלט וועט בלייבן וועלט.

***

ס'האָט זיך דערהערט אַ כליפּען ביי אַ קבר;
אַנגעקוואָלן האָבן קינדער ביי אַ שפּיל;
געליבט זיך האָט אַ פּאָרל אויף אַ טראָטואַר;
געזעגנט זיך האָט חולה אין שפּיטאָל;
געצויגן האָט די נאַכט זיך לאַנגזאַם, לאַנגזאַם.
אַ פֿויגל אויפֿגעוועקט האָט דעם פֿרימאָרגן.

רייפֿע פּרוכטן

1.

באַשירעמט פֿון גרויס־בלעטערנדיקן בוים,
גרינען די בינטלעך באַנאַנעס.
זיי מערן זיך און פֿרוכפּערן
און איילן צו ווערן רייף.

אַ פֿויגל אויסשפּירער
גיט אַ קוויטש, אַ פֿריילעכן סיגנאַל:
שאַרפֿט די שנעבעלעך,
באַנאַנעס ווערן רייף.

און אַט ליגן זיי שוין אויף אונדזער טיש,
די געל־גאָלדענע לאַנגע פֿינגער,
אָנגעפּאַקט מיט יונגער גלוסטיקער געזונטקייט,
מיט ווייסן זיסן גרויס
פֿון האַרעפּאַשנער שוואַרצער ערד
און גרינעם פֿעכער־בוים.

דער פֿויגל עסט באַנאַנעס פֿונעם צווייג,
מיין קינד נאַשט באַנאַנע מיטביידע הענטלעך
און ווערט אַליין געזונט און גאַנץ,
ווי די גאָלדענע באַנאַנע.

2.

עס בייסן זיך איין די גיריקע ציין
אין רויטן, רייצנדיקן, רונדיקן עפּל
און ווייסער זוניקער זאַפֿט
צעקושט זיך מיטן גומען.

זאַפּסט אַריין אין זיך דעם פרישן אַראָמאַט
פון רייפער פּרוכט און זאַפּסט זיך אָן
מיט גאָלד פון זון, מיט רעגן־טוי,
מיט גרוס פון וואוילער ערד —
און ווערסט אַליין אַ זאַפטיק רויטער עפּל.

3.

באַשיידן שטייט דער אַוואָקאַדאָ־בוים
אין קליינעם הויף, לעבן מיין פענצטער.
ווי אַ ניט־פאַרמאַטערטער טרעגער
ווערט ער באַלאָדן מיט פעטע אַוואָקאַדאָ בארן,
וואָס ווערן גרין, וואָס ווערן שוואַרץ,
וואָס ווערן רייף און בעטן:
קום און גלעט און גלוסטיק מיך.

נאָכגיביק און ווייך און פוטערדיק און זאַט
צעגייט זי זיך אין אַלע גלידער.
און ווערסט אַליין אַן אַוואָקאַדאָ,
אָנגעזאַפּט מיט בלי פון בוים,
מיט לעבן־לוסט פון מאַמע־ערד.

4.

אין אַ ווינקל לעבן פּלויט,
שפּלדיק און ערדיש און פאַרשעמט,
פּיקן זיך די פּאָזשעמקעס, די טרוסקאַווקעס,
פריער ווייס־גרין און באַלד
טוט זון זיי אויסרויטלען די בעקלעך
און ס׳רייצט קאָליר און ס׳רייצט דער ריח
און ס׳רייצט דער זאַפט אין גיריק מויל,
זויער־זיס און דורשטיק

פון רייפער רויטער יאַגעדע.
און ווערסט אַליין אַ טעלערל מיט רויטע יאַגעדעס.
מיט פרייד אין גוף,
געשענקט פון שוועסטער־ערד.

זיי לאַקן דיך צו זיך,
ווי שיינע יונג־פרויען,
די פרוכטן פון דער קלוגער ערד.
די ברוסטיקע רויט־גרינע באַר,
די מיסטעריעזע טיף־בלויע פלוים,
די פּרעכטיקע פּערסיקעס און אַפּריקאָסן,
וואָס האָבן איינגעזאַפּט אין זיך
די שענסטע זון־אויפגאַנגען און זון־פאַרגאַנגען
אויף זייער גלאַטער פוכקער יונגער הויט.
די האָניקדיקע טייטלען,
די קיצלדיקע פייגן,
דער האַרטער חומשדיקער שוואַרצער באָקסער
און איבער אַלץ —
די אימפּעריע פונעם עפּל־שטאַם
איבער גאָר דער וועלט!

און מיר אַליין,
מיר זיינען דאָך
דער גאָרטן מיט די רייפע פרוכטן,
וואָס דאַרפן זיך אויסהיטן
פון שלעק און ווערים,
וואָס דראָען אונדז צעשטויבן און צעדרויבן.

אָ, לאָזט זיך ניט,
אָ, לאָזט זיך ניט!

אַז עס רעגנט אין לאָס אַנדזשעלעס...

אַז עס רעגנט אין לאָס אַנדזשעלעס
פאַלט דער הימל צו דער ערד אַראָפּ
און זיין בלוי ווערט גרוי און „אוי"!"
גיט אַ בלאָז אַ ווינטל,
ציטערן די הימל־קראַצערס
און ס'באַהאַלטן זיך די בערג אַרום
און ס'ווערט נעלם דער פּאַסיפיק —
ווען עס רעגנט אין לאָס אַנדזשעלעס.

פיל־פאַרצווייגטער באַנאַנע־בוים
ווערט אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא
און די בלוט־רויטע פּאַינסעטיעס
לאָזן פון בושה די קעפּ אַראָפּ
און דער היימישער „פּאַראַדיז־פויגל" צווייט
האָט צעעפנט העלדזל דורשטיק...
וויי־וויי, וואָס עס טוט זיך אָפּ,
אַז עס רעגנט אין לאָס אַנדזשעלעס.

די פּאַלמען־שפּיצן שושקען זיך אין נויט.
קרבנות ברענגען צו דעם מולך־רעגן:
באָקסער, איילבירטן, ווילדע קאַרשן, מאַנדאַרינקעס,
וואָס ליגן אויסגעלייגט הפקרדיק אויף גליטשיקע טראָטואַרן.
דער מענטש וואָגט ניט איינשטעלן זיין דאָ־זיין
און קוקט אַרויס דורך פאַרמאַכטע טויאיקע פענצטער
און פּלאָטערט, ווי די גרינע בלעטער אין דרויסן.
ווי אָפּגעשמיסענע, פּלושקען זיך אויטאָס איינזאַמע,
ווי בלודנע הינט באַשטראָפּט,
צו טראָגן זיך איבער נאַסע, נודנע וועגן —
ווען עס רעגנט אין לאָס אַנדזשעלעס.

ווי גוט עס איז...

ווי גוט עס איז צו זען אַ מענטש פאַרבייגיין;
אַ יונגע פרוי מיט שטאָלצן גאַנג;
אַ מאַן אַ קרעפטיקער מיט זיכערדיקע טריט.
מיט זיי גייט מיט אַ לעבן פריי;
צוזאַמען גרייכן זיי צום ציל.

דערקענסט דערפאַלג, צי דורכפאַל אין זייער שפּאַן.
אַ בליק אַריין אין פּנים און ס׳עפנט זיך אַ טיר פאַר דיר.
קאָליר פון קלייד, פאַרקאַם פון האָר,
אַ מאַך פון האַנט, אַ שטעל פון פוס
און אויפגעריגלט האָסטו שלעסער.

ס׳איז גוט צו זען די שכנים דיינע,
דעם הונט, דאָס קעצל, וואָס פאָלגן נאָך דיך,
ווי ס׳דרינגט אַריין דיין בליק אין זייער דאָזיין.
דיין שמייכל און דיין גלעט פאַרקניפּט דעם צוטרוי צו דיר.
און דו אַליין דערפילסט, ווי האָסט אַ פריינד געוואונען.

שטעלסט אָן דיין אויג אויף דעם אַרום,
דערשפּירסט אַז ביסט אַרומגערינגלט פון וועלטן.
עס רעדט אַרויס אַ וועלט פון פרעמדן מענטש לעבן דיר.
דער טרעל פון פייגעלע, דאָס בילן פון הינטל.
דער ווידערקול פון ווייטן דונער,
דער גרימצאָרן פון ווילכער-ווינט,
דאָס שושקען זיך פון ליבע אין פרילינג —
אַלע זיינען אָנזאָגן פון נייע וועלטן אַרום דיר.

און גוט איז דיר ווען קאָנסט פאַרשטיין
די שפּראַך פון בליענדיקער רויטער רויז
און מאַיעסטעטישן זאָג פון שטאָלצער פאַלמע

און שעפּטשערײַ פֿון נידעריקן גרעזל
און אַפֿילו פֿון בלומען־טאָפּ אין דײַן הויז.

נאָר ווען נייגסט אָן דײַן אויער צו דײַן עלטער־באָבע,
די ערד, מיט חכמה אָנגעזאַפּטער ערד,
דאַן עפֿנט זיך פֿאַר דיר אַ ספֿר פֿון קדמונים
און קליגער ווערסטו ווערן דערפֿון
און פֿאַרטיפֿן זיך אין דער און יענע וועלטן.

ס'איז גוט אַזוי צו זײַן וואַך,
אַפֿילו שווײַגנדיק וואַך,
און אײַנזאַפּן אין זיך דעם בײַט
פֿון טאָג און נאַכט, פֿון יונג און אַלט.
זײַ וואַך צו זיך אַליין, צום בײַט אין דיר.

ווער קאָן דאָס אומעטיק זײַן ביים לעבן
און באַקלאָגן זיך פֿון אײַנזאַמקייט!
ווען יעדע רגע אַרום דיר ווערט עפּעס נײַ,
ווערט עפּעס וואַך וואָס צערייצט דײַן הונגער
און ווילסט זיך אָנזעטיקן מיט דעם וואָס זעסט און הערסט.

לאָז דעם שלאָף אין דיר דיך ניט באַצווינגען;
זײַ וואַך און זײַ דער זיגער;
דו ביסט אַ וועלט אַרומגערינגלט פֿון וועלטן;
פֿאַר דיר וואַרט האָריזאָנט און רוים;
דו ביסט אַליין דער רײַכסטער פֿון באַשאַף.

אויג און אויער

מיין קליין אויג האָט איינגעזאַפּט אין זיך:
אַ ברוייזנדיקן וואַסערפאַל פון הויכע בערג;
אַ גלאַנציק גרין גרעזעלע צווישן פעלדזן פון גראַניט;
אַן אויסגעגראַבענעם סקעלעט פון אַ פּרעהיסטאָרישער חיה;
אַ בליענדיקן יהושוע־בוים אין וויסטן מדבר;
אַ גרין־בלויע אָזערע אין טיפעניש פון וואַלד.

מיין קליין אויג האָט איינגעזאַפּט
און געטיילט זיך מיט אַלע גלידער מיינע.
ערגעץ־וואו שטראָמט אין מיר אַ וואַסערפאַל;
סקעלעט דערמאָנט מיך אין מיין סוף;
דאָס גרעזל מוטיקט אין מיין דויער;
אין שווערע טעג בין איך צומאָל אַ יהושוע־בוים.

מיין קליין אויג האָט איינגעזאַפּט אין זיך
אַן אין דרייען איינגעקאָרטשעטן אַלטיטשקן;
אַ זיס עופהלע וואָס שטעלט דעם ערשטן טראָט;
די קאַלטע האַנט פון אַ שטאַרבנדיקן פריינד;
דעם צעפלאַמטן בוזעם פון אַ רייצנדיקער פרוי;
דעם צאָרנדיקן בליק פון אַן אויפגעוואַכטן שקלאַף.

דאָס קליינע אויג האָט איינגעטיילט דאָס איינגעזאַפּטע
צו אַלע גלידער אין מיין גוף
און כ׳בין געוואָרן אַלט און ניי־געבאָרן
און ס׳האָבן זיך צעבליט אין מיר אַלע גלוסטן
און אויפגעוואַכט האָט שקלאַף אין מיר;
כ׳האָב טויט דערשנאַפּט און לעבן האָט געצאַפּלט זיך.

מיין אויער האָט דערהערט:
דעם פייף פון פויגל־פרייד אויף הויכן צווייג;
ניט־דאַאיקן געברום פון ערד־געטרייסל;
דעם צאַרטן פּלאַפּל פון אַן אופהלע;
דעם ווייטיקדיקן כאָרכל פון אַ גוסס;
דאָס אייביק פריש וואָרעם קול פון קאַרוזאָ.

מיין אויער האָט צעטראָגן אין אַלע גלידער
דעם ווידערקול פון פייגל־פרייד;
דעם פּחד פאַרן פונדאַמענט פון באָדן,
און אויפגעוועקט אין מיר דאָס קינד
און געוואָרנט קעגן לעצטן טאָג.
און צעזונגען האָט זיך אַלץ אין מיר.

דאָס קליינע אויג האָט מיך דערפירט:
צום ציל פון מיליאָנען יאָרן.
מיך געלערנט חכמה פון די דורות;
מיך געוואָרנט קעגן לויערנדיקע געפאַרן.
פאַר מיר אַנטפּלעקט די אינערלעכע סודות
און מיך דערנענטערט צו ווייטע וועלטן.

דאָס קליינע אויער איז מיין שומר,
געטריי פון ערשטן ביזן לעצטן טאָג;
דערשפּירט דעם שאָרך פון אַ פאַררעטער;
דערהויבט מיך צו די קלאַנגען הימלשע;
פּילט מיך אָן מיט בעטהאָווען און באַך
און שושקעט מיר אַריין דעם צאַרטסטן ליבע־קלאַנג.

און די וואָס האָט געזען...

און די וואָס האָט געזען
מיט אויגן אייגענע
דעם מאָרד פון קינדער יידישע,
וועט שוין ניט זען מיט זעלבע אויגן
דעם היינט און מאָרגן.

אַריינגעזאַפּט האָט זי אין זיך
די גרויל-טויטן
אין איר האַרץ,
אין אירע אָדערן
און מער פון אַלץ —
אין אירע אויגן.

זי וועט ניט קוקן מער
אויף איר שכן-מענטש
מיט אויגן פון אַמאָל.
געטרויען וועט זי ניט מער
קיינעם, קיינעם.

איר וועג איז אויסגעשפּריצט
מיט בלוט פון קינדער
פון טרעבלינקע
און אָשוויענטשים,

וואָס פּאָלגן נאָך איר
אין פרידלעכער לאָס אַנדזשעלעס
און אין קרייז פון נאָענטע פריינד.

געוואָרן איז איר בליק —
אַ שונא־שפּיז,
אַ בלענדנדיקער בליץ.
די וועלט וועט מער
קיין וועלט ניט זיין
נאָך אָשוויענטשים און טרעבלינקע.

געטרויען וועט זי מער ניט
דעם טאָג דעם ליכטיקן,
דעם פריינד דעם נאָענטסטן,
דעם פויגל־טרעל.

פאַר איר איז —
אומקום פון קינדער יידישע,
דער אומקום פון
אַ ריינער, שיינער וועלט.
זי וועט שוין מער ניט
זען די וועלט אַרום
מיט די זעלבע אויגן
פון אַמאָל.

ווילדער וואונדער

דער ווילדער וואונדער פונעם מידבר:
ווען ס׳בייטן זיך קאָלירן אויף די בערג;
זיי לויכטן־אויף אין שיין פון דער זון
און זענען נאָענט — מיט דער האַנט צו דערלאַנגען;
זיי ווערן ווייט, ווען גרוי פאַרנעפּלט;
זיי ווערן מילד און פּורפּור פון פאַרנאַכט;
זיי וואַרפן אָן אַ פּחד אין שוואַרץ פון נאַכט;
זיי ברוינען זיך, ווי אויסגעבאַקענע לעקעכער,
אין העל פון מאָרגנרויט.

איז פלאַכע מאָנאָטאָנע וויסטעניש זיי מקנא?
שערבלעך ברוכווארג, ברעקלעך שטיינער, פאַרטריקנט זאַמד־פעלד;
קוסטעס שטעכיקע פאַר׳שרפ׳עט פונעם בראַנד;
נעבעכדיקע קאַקטוסן וואָס טוליען זיך באַנאַנד;
שטומע שטילעניש וואָס שטייט ניט אָפּ,
ביז ווינט צעוואָיעטער גאַלאָפּירט אַראָפּ
פון בריענדיקע בערג
און זויפּט דעם זאַמד
און טאַנצט מיט טויטן שטאָם.

דער ווילדער וואונדער פונעם מידבר,
ווען שטערן שטאַרן גליענדיק פון טיפסטער הייך
און רייצן דיך מיט דימענטנעם פאַרמעג;

ווען טאַטאַלע רו רייסט־אויף דיין שלאָף
און לוסט פון לופט פאַרשיכורט, שיכורט אָן.

ווען לויטערער קאַיאָר פילט דיך אָן
מיט אַ פאַרלאַנג אַריינצונעמען דעם אָרום אין דיינע אָרעמס
און פרייען, פרייען זיך מיט דעם באַשאַף
פון ליבע און פון לעבן.

דער ווילדער וואונדער פונעם מידבר:
ווען טייטל־פּאַלמעס פּאָרן זיך אין שווערע הענגלעך
און ברענגען זיסע פּירות אויף דער וועלט;
ווען אין עקרהדיקן באָדן ריזלען הייסע קוואַלן
און היילן, היילן שלאַפע מענטשן־גופים.

ווען וויסטער יהושוע־בוים צעבליט זיך פילפאַרביק עקזאָטיש;
ווען קאַרגער מידבר־פרילינג באַפוצט, באַצירט
די באַפּלאָ־בערג מיט קווייטן צאַרט און צויבערדיק,
וואָס זינגען הללויות
צום ווילדן וואונדער פונעם מידבר.

מאַמע

פון אַלע צייטן אָן,
פון די קינדער־יאָרן פון דער וועלט,
פון די טיפסטע קוואַלן פון דער ערד,
פון באַוווּיז פון לעבעדיקן מין,
פון באַגער פון פינצטערניש צו ליכט —
צו דער ליבשאַפט וואָס דערנערט,
האָבן זיך געצויגן אַלע, אַלע שטאַמען
צו די גרייטע אָרעמס פון דער מאַמען.

און איבער די קרבנות פון די שלאַכטן
און די פּיינען אין די קאַרצערס
און די שוואַכסטע וויי־געשאַלן פון גסיסה
און דעם לעצטן כאָרכל אין שפּיטאָל־בעט
און גערעגנגל מיטן אַכזר שונא
און דעם פּחד פאַרן סוף דעם שוואַרצן —
האָט געהערט זיך איין געבעט פון אַלע דורות, אַלע שטאַמען:
זיי אַ הילף אונדז, זיי אַ טרייסט אונדז, מאַמע, מאַמע.

און זי, די צאַרטסטע פון די מינים;
זי, די איינגעבויגענע אין לאַסטן,
האָט געלאַסטשעט, האָט פאַרגעבן,
האָט געאָפּפערט זיך אַלס קרבן,
פאַרן קומענדיקן לעבן,
פאַר דעם וואווילזיין פונעם דויער,
פאַר דעם מוז פון זיין צוזאַמען —
זי, די גוטע, האָרעפּאַשנע מאַמע.

אָנזאָגער פון פרישקייט פון פרימאָרגן,
שפּייזערין פון ערשטע זאַפטן,
דיכטערין פון שטילן וויג־ליד,

היטערין פון שלום בית —
צו דיר געווענדט געזאַנג פון לויב,
צו דיר געהערט דער לאָרבער־קראַנץ.
דו ביסט דאָס ליכט אין יעדער פּאַנאָראַמע,
דו ביסט דאָס ליבסטע פון באַשאַף — מאַמע, מאַמע.

דו ביסט געווען...

דו ביסט געווען דער שטילער ווינט,
וואָס גלעט די צווייגן און פאַרשווינדט.

דיין וועג געווען איז שטיין און שטויביק,
נאָר פּנים דיינס געשיינט האָט גלויביק.

דו ביסט אַוועק גאָר אומגעריכט.
ס׳האָט אויסגעלאָשן ווער דאָס ליכט.

געקומען זענען ווינטן־שטורעמס,
אַ רים געטאָן די העכסטע טורעמס.

פאַרגעסן דיך, ווי נישט געווען.
עס האָט די צייט געקילט, געברענט.

געוואָלט דיך נאָכאַמאָל דערגרייכן,
עס האָט אַ שווער געטאָן דיין שמייכל.

געוואָלט באַגריסן דיך צומאָל,
געגאַרט צו הערן דיין וואַרעם קול.

געקומען זיינען נייע צייטן,
דו ביסט אַוועק אין ווייטע ווייטן.

דו ביסט געווען דער שטילער ווינט,
וואָס גלעט די בלעטער און פאַרשווינדט.

שטיינער פון ירושלים

די אוראַלטע שטיינער פון ירושלים
קאָנען רירן אַ שטיין.
אַט־דאָ האָט אַ נביא געחלומט פון שפּעטערע צייטן,
ווען אַ וואָלף מיט אַ שעפּסל וועלן לעבן בשלום,
ווען אַ מענטש וועט ניט אויפהייבן קיין פויסט קעגן צווייטן.

אַט־דאָ אויף די שטיינער האָבן געטער געפּרייִדיקט
און קעפּ האָט מען צעפּלעט אויף פּיצלעך
און וואַרעמע הערצער זיינען פאַרשטיינערט געוואָרן
און טרערן פון דורות
זיינען אין שטיינער פאַרוואַנדלט געוואָרן.

דאָ ליגן די אוראַלטע שטיינער
און וואַרטן געדולדיק
אַז מען זאָל זיי באַהעפטן
מיט היימען פון תורה,
מיט היילונג פאַר קראַנקע.
פון שטיינער קאָן ווערן אַ האַרץ
וואָס דערפילט און דערפרייט זיך.

ירושלים — אַ שטיינער מאָנומענט,
אַן אייז־קאַלטער דאָקומענט
פון הייסע צייטן.
ירושלים — גראַניט און מאַרמאָר,
טייערער פון איידלשטיינער.
ירושלים — פאַרשטיינערטער סקעלעט פון נעכטנס
און פעסטע פעסטונג פון היינט און מאָרגן.

ניט קיין קבר, נאָר אַן אוצר־גרוב
צו גראָבן און צו גריבלען
די נשמות פון דער מענטשהייט
און צו שאַפן אַ מענטש אַ נייעם
וואָס וועט זוכן אַ באַשייד
און קלאַפן אויפן שטיין
און דערהערן ווידערקול פון אַמאָל
און זיין אייגן, אייגן קול.

שטיינער פון ירושלים זיינען
עפּיטאַפן פון אונדזערע עלטער־זיידעס און באָבעס
קוק זיך איין און וועסט אַן ענלעכקייט אַנטדעקן.
אין די אָדערן פון שטיין — פאַרטריקנט בלוט פון אייגענע,
פאַרזונקענער קרעכץ,
אויסגעשריי פון פרייד און יובל.

די אויגן פון דער וועלט
קוקן מיט נייגיר אויף די שטיינער פון ירושלים.
די חכמים פון דער ערד דערוואַרטן
אַן אויפלעב פון די שטיינער דאָזיקע.
די שטיינער פון ירושלים
קאָנען רירן אַ שטיין.

די באַלאַדע פון תל־אביב

1.

מיט מיר געפלויגן אין דעם אסטראַ סופּער־דזשעט,
עס זיינען: משה, יעזוס און מאַכמעד.
געפלויגן הויך, געפלויגן טיף
פון ניו־יאָרק קיין תל־אביב.

פאַראייניקט האָט אונדז די געפאַר פון קראַך;
געשראָקן האָט די שוואַרצע נאַכט.
און ווען אַ קוש געטאָן די ערד האָט ריזן־דזשעט,
דערפרייט צוגלייך זיך האָבן משה, יעזוס און מאַכמעד.

און ווען פאַרלאָזט מיר האָבן פליענדיקע שיף,
באַגריסט עס האָט אונדז ווייסער תל־אביב.
מיר האָבן זיך געזעגנט. געגלעט
עס האָבן רייד פון משה, יעזוס און מאַכמעד.

2.

אויפן זעקסטן שטאָק פון דעם האָטעל
באַוויזן האָט זיך קלאָר און העל
דער שטילער, בלויער ים,
אַן אָפּשטאַם פון מיין שטאַם.

און וואו געווען איז מדבר־זאַמד און שטיין,
געבליט עס האָבן בלומען ריי נאָך ריי.
און ס'האָבן הויכע מויערן געגרויסט
מיט שטייפער אַרבעט־פויסט.

און אונטן, אין דעם פרייהייט־פּאַרק,
געווען אַריינגעטאָן אין שפּיל די קינדער שטאַרק.
און ס'האָט די לופט צוגלייך געגלעט
משהן, יעזוס און מאַכמעד.

3.

די ערשטע נאַכט אין תל־אביב — איז שלאָפן דען ווער קאָן?
איך בין אַרוים אויף דעם באַלקאָן
און כ'האָב אויף מורמלדיקן וואַסער
דערזען די זילבערדיקע פּאַסן
פון אַן אויבערשדיקן פּנים.

דאָס האָט די אויסגעפורעמטע לבנה
געשפּילט זיך מיטן דרעמלענדיקן ים,
מיט ים, דעם אָפּשטאָם פון מיין שטאָם.

איך האָב געגאַרט באַנעמען דעם באַגריף
פון האָפערדיקן תל־אביב.
באַגריפן האָב איך מי פון האַרעפּאַשנע הענט,
וואָס האָבן זיך צום רוים געווענדט.

עס האָט אַן אַלט־נייע שפּראַך צו מיר גערעדט,
די שפּראַך פון משה, יעזוס און מאַכמעד.

.4

אין תל־אביב דעם ערשטן טאָג
איך האָב דערפילט דעם ברויז, דעם יאָג.
אין תל־אביב די ערשטע נאַכט,
איך האָב געוואַכט, איך האָב געוואַכט.

פון דעם באַלקאָן עם שעפּטשעט ים צו מיר,
די יונגע שטאָט צעעפנט האָט איר טיר.
נאָר פלוצלינג גאָר — פאַר וועלכע זינד? —
איז אָנגעפלויגן וויכער־ווינט.

און פונעם דרעמלענדיקן וואַסער
גענומען פליקן פּאַסן.
געציטערט האָבן שויבן פון האָטעל,
צוריק אַריין בין איך גאָר שנעל.

און העפטיק צאָרנט ווינט.
דאָס ליכטיקע לבנה־ליכט פאַרשווינדט.
און ס׳דוכט זיך ס׳קומט אַ שונא אָן
און גרייכט די טיר פון מיין באַלקאָן.

אַ גאַנצן טאָג געזען דאָך יונגעלייט באַוואָפנט.
זיי היטן ברעג. זיי ווערן ניט אַנטשלאָפן.

.5

דער ווינט האָט אָפּגעהילכט מיט רייד פון נאַסער:
„מיר וועלן תל־אביב אַריינטרייבן אין וואַסער.״
איך הער זיך איין צו זיין געוואַי,
די כוואַליעס אונטן ציטערן אַזוי.

די כוואַליעס אונטן ווערן רויט.
די יונגע קינדער דראָט דער טויט.
אין לופטן יאָגט זיך שיף נאָך שיף,
באַשיצן וועלן זיי די גוטע תּל־אָביב.

עס שטייען טיר און טויער אָפן.
ס׳איז קינד און קייט דאָך דאָ באַוואָפנט.

6.

סע האָט געפּאַר פון סוף באַדראָט,
נאָר אויפגעוואַכט האָט יונגע שטאָט.
און ס׳איז געוואָרן אוים מיט נאַכט,
ס׳איז יעדער שטיין געווען באַוואַכט.

באַגריסט מיך האָט אַ ליכטיקער קאַיאָר.
איך האָב דערזען, ס׳איז וואָר:
געצויבערט האָט דער ים מיט פּראַכט.
געשטיפט די כוואַליעס האָבן און געלאַכט.

געהאָרעוועט האָט שטאָט, געהאַמערט,
געזאָרגט זיך פאַר די קינדער ווי אַ מאַמע.
געאײַלט זיך האָבן גיריק יונג און אַלט.
עס האָט דאָס ליד פון היינט געשאַלט.

עס האָט גערירט מיך טיף
די ערשטע נאַכט אין תּל־אָביב.

אין יאַלטאַ

געווען איז דאָס אין ניו־יאָרק, אין יאָר **1943**.
און איציק פעפער האָט זיך געזעגנט מיט מיר
און אַ קלאַפּ געטאָן שמייכלדיק אין פּלייצע.
— נו, קומען וועסטו צו אונדז ווידער אין קיעוו
און מיר וועלן אַ פּאָר טאָג קיין יאַלטאַ
און באָדן זיך אין גלעטנדיקן שוואַרצן ים.

איצט זיץ איך דאָ אין יאַלטאַ
און פון מיין באַלקאָן אויפן שטאָק דעם זעקסטן
אין דע־לוקס יאַלטאַ האָטעל
הער איך דאָס פּליעסקען פון די כוואַליעס
פון טיף בלוי־גרינעם שוואַרצן ים.
זיי זינגען אויס אַ הימן צו די בערג אַרומיקע,
צו דער פּראַכט פון מאַסאַנדראַ פּאַרק
און אַ פייגל־כאָר צעלאָזט זיך אין סערענאַדעס.
און מען ווייזט מיר אָן אַז אָט דאָרט
אין יענעם ווייסן הויז געלעבט האָט טשעכאָוו,
צום לעצטן מאָל געזען זיינע מעוועס־טשייקעס.
און לעוו טאָלסטאָי געקומען היילן זיך
אָט־דאָ ניט ווייט און ס'טראָגט די גאַס זיין נאָמען.
און פושקין, גאָרקי, נעקראַסאָוו און מאַיאַקאָווסקי
האָבן אויסגעזונגען דאָ צוזאַמען מיט די פייגל
דאָס ליד פון פרייהייט און פון שלום.

און איך געוואַנדערט האָב אַליין,
און ס'האָט געפּעלט מיר איציק פעפער
און דער אַראָמאַט פון בעז, יאַסמין
האָט ניט באַרואיקט מיך.
איך האָב דערפילט, אַז כ'גיי אויף קבר אָבות
נאָך פעפער, מאַרקיש, בערגעלסאָן און שלמה מיכאָעלס
אין שיינעם פּאַרק מאַסאַנדראַ, ביים שוואַרצן ים.

פאַמיליע - כראָנאָלאָגיע

גדליה, געבוירן אין אַ שטעטל אין פּוילן,
געווען אַ בלעכאַרש, אַ בעל־מלאכה, אין לאָדזש.
חתונה געהאַט פאַר דער הויט־פּוצערקע מרים.
זי איז פאַרגאַזט געוואָרן מיט די צוויי פּיצלעך קינדער אין אוישוויץ.
גדליה ראַטעוועט זיך אין צענטראַל־אַזיע, סאָוועטן־פאַרבאַנד.
קומט צוריק נאָכן חורבן, אַהיים, קיין פּוילן.
ס'פאַרפאָלגן אים די שאָטנס פון ווייב און קינדער.
ער בויט אַ נייע היים אין אַ קיבוץ, אין ישראל.
האָט חתונה מיט אסתרן, וואָס פאַרלאָרן מאַן און יינגל אין אוישוויץ.
ס'ווערט געבוירן אַ זון, אַ פּראַכט, מנחם.

צו צוואַנציק יאָר הויכט זיין נשמה אויס מנחם,
אין דער יום־כיפּור שלאַכט, אין מדבר סיני.

צו דיין געבורטסטאָג

געשושקעט האָט די נאַכט אַ צויבער־תפילה;
עס האָט געלאָקט צו זיך דער טייך דער שטילער.
און גרייט געווען איז שיפל אויפצונעמען געסט —
און דו האָסט זיך געשראָקן פאַר דער נייער נעסט.

די ביימער ביי דעם ברעג, ווי שוואַרצע ריזן.
די שטומע פינצטערניש האָט וועג געוויזן.
איך טרייב, דוכט זיך, דאָס שיפל, און דאָס שיפל שטייט.
אין אונדזער שווייגעניש פאַראַן אַזוי פיל רייד.

געווען איז ליב די נאַכט, דער טייך, דאָס שיפל.
ניט אויפגעהערט די כוואַליעס האָבן שטיפן.
אַ הילך געטאָן האָט עפּעס פּלוצלינג, מיטאַמאָל
געוואָרעמט האָט אַזוי דיין וואָרט, דאָס צאַרטע קול.

אַזוי פיל יאָרן זיינען שוין פאַרגאַנגען.
מיר האָבן אָנגעזאַפּט זיי מיט געזאַנגען.
געציטערט, ס׳זאָל ניט אָפּטאָן זיך פון אונדז די פרייד,
אַ באָדן פרוכטבאַרער געווען איז דאָך פאַרזייט.

צו דיין געבורטסטאָג לאַכן מיר באַזונדער,
איז יענע צויבער־נאַכט מיט תפילות פרומע.
דאָס שיפל גליטשט זיך ציטערדיק אויף זעלבן אָרט
און דער אָרום איז אויסגעדורשט נאָך דיינס אַ וואָרט.

צו דיין געבורטסטאָג היינט צוגאַסט געקומען
דערמאָנען זיך אין וואונדער איבער וואונדער,
ווי סהאָט די ליבשאַפט אין דער פינצטערניש באַהעלט
דעם חלום פון אַן אייגן ווינקל אויף דער וועלט.

געאָרעמט שפּאַנען מיר אַנטקעגן מאָרגן.
די פרייד זי ליגט אין וויקעלעך פאַרבאָרגן.
זי ליגט אין פּנים דיינעם ליכטיקן וואָס שיינט
צו דיין געבורטסטאָג היינט, צו דיין געבורטסטאָג היינט.

משהס קוש

ווען ס'פאַרמערן אויפן שטערן זיך די קאַרבן
און ס'דערגענטערט זיך דער סוף, די צייט פון שטאַרבן —
זאָלן אויפהערן די וואַסערפאַלן רוישן,
קומען זאָל סך־הכּל לעצטער, ווי ביי משהן.

מיטן לעבן מער ניט האַלטן קיין מלחמה,
מיט אַ שטילן קוש זאָל אויסגיין די נשמה.
איינגעזאַמלט האָט מען דאָך דעם שניט, די גאַרבן,
חשק איז געבליבן, ס'ווילט זיך גאַרניט שטאַרבן.

און ווי משה האָט ביי באַרג און טאָל געבעטן
אַנגעמען פאַר אים זיך אין דער שעה דער שפּעטער.
הונדערט צוואַנציק יאָר געווען איז קנאַפּ פאַר משהן,
אָנגעגרייט מיט אמת האָט ער פולע קוישן

און געחלשט האָט ער נייע ערד באַטרעטן
און אַ גרעזעלע אַ שפּלדיקס אַ גלעט טאָן.
נאָר אַזוי איז שוין דער אופן פון קדמונים,
ס'קומט דער לעצטער טאָג פון אָפּשאַצן און שוינען.

ס'ווילט זיך האַלטן נאָך אַ ביסל אויגן אָפן,
נאָר סע רופט די מאַמע אייביקע צום שלאָפן.
משה האָט דערקלעטערט אויפן באַרג די שפּיצן,
ניט געפאָלגט אים האָבן דונערן און בליצן,

ניט געהאָלפן האָבן אים די בערג און טאָלן
און דער זון־פאַרגאַנג ניט אויפגעהערט צו מאָלן.
בלויז אַ בליק געטאָן האָט ער אויף לאַנד געגאַרטן
און זיך אויסגעצויגן אויפן באַרג דעם האַרטן

און אַ קוש געטאָן עס האָט אים גאָט פון געטער,
בלויז געבליבן איז דער נאָמען משה שפּעטער.
אָט אַזוי מיט שטילן קוש איז ווערט צו שטאַרבן;
אָט די קושן דאַרפן אַלע יורשים אַרבן.

וואָס באַשערט געווען איז משהן דעם באַפרייער,
זאָל פאַר יעדן איינעם קוש פון טויט זיין טייער.
נאָכן לעבנס ברען אין דאָרנדיקן פייער,
בלייבט דער קוש פון טויט דער אייביקער צושטייער.

טויט איז זון־פאַרגאַנג מיט צונטער־רויטע פאַרבן;
שטילער קוש אויף שפּיץ פון באַרג פאַרגלעט דאָס שטאַרבן.

איזי כאַריק

איך בענק אַזוי נאָך כאַריקס לעבעדיקע לידער.
ער וואָלט דאָך יונג געווען נאָך היינט.
ער וואָלט געלויכטן און געשיינט.
ער איז געווען אַ גוטער ברודער צווישן ברידער.
איך הער זיין ליכטיק קול דאָך יעדן טאָג שוין ווידער.

ווער איז געווען זיין ווילדער מערדער און צעשטערער?
ווער האָט אים פאַר דעם מאָרד באַלוינט?
דאָס יונגע לעבן ניט געשוינט.
אין סאַמע פינצטערניש פון נאַכט עס גליט זיין שטערן
און פון זיין צאַפּלדיקן ליד עס רינען טרערן.

זיי פאָלגן נאָך דיך, די פאַרשניטענע פּאָעטן,
די שענסטע זין פון אונדזער דור.
די ווערטער זייערע מאָנען, פאָדערן פּראָפּעטיש.
אין שעה פון נויט זיי טרייסטן דיך און גלעטן.

און ס'עקבערט דיך כסדר ווייטיקדיקע קשיא.
מען רופט אַלס עדות דיך: „פאַרוואָס?"
סע דרינגט אַריין אין דיר דער שאָס.
סע שרייט פון ערד דאָס בלוט און רייסט פון דיר דאָך פּאַסן.
דאָס האַרץ ווערט אָנגעזאַפּט מיט בייזער און מיט האַסן.

מיכאָעלס שפּאַנט מיט דיר אויף די ניו־יאָרקער גאַסן.
מיכאָעלס — הייסער פּאַטריאָט
פון יעדן רויט־אַרמייער טראָט.
און אָנגעזאַפּט פאַר אונדז איז ער מיט פרייד און שפּאַסן;
פאַר שונא פון סאָוועטן פלאַמען זיינע האַסן.

פון צייט צו צייט עס ווילט זיך גיין אויף קבר אָבות
און אויסקלאָגן שווערע זינד,
ווי פון אַ פאַרלאָרן קינד.
פאַרשטאָפּ דאָס אויער ניט צו הערן שפּאָט פון סאָוועס,
וואָס קראַקען אוים די שאָדן־פרייד פון מלאך המות.

לעבסט איבער מיט אַ מאָל די פּיין און די יסורים
פון צאַרטן איידעלן האָפשטיין.
דיין מוח גריבלט צו דערגיין.
עס ווייעט אָן דיין שולד — אַ ווילדער מדבר־שטורעם,
וואָס בערגלט אָן די קברים זאַמדן, ווי אַ טורעם.

מען וואָלט מסתם אויך דיך געטויט פאַר זיין אַ דיכטער,
פאַר ברענגען אויף דער וועלט אַ וואָרט
פאַר יעדן מענטש, אויף יעדן אָרט.
ווער וואָלט געווען דיין גרויזאַמער פאַרניכטער?
און ווען משפטן וועט מיט דער צייט געשיכטע?

צומאָל דו הערסט אַ קול: „אָ, לייען מיך און לייען"
עס רופט געקוילעטער פּאָעט.
דער נביא פּרץ מאַרקיש רעדט.
פאַרנעמסט פון קדושים אייגענע די טיפע ווייען.
די רייד די אמתע זיי פלאַנצן איין און זייען.

צומאָל דו גאַרסט אַזוי אַ ליד אַ ניי צו הערן
פון כאַריק, פעפער, קושניראָוו.
דו ווייסט, ס'איז געווען דער סוף.
די שולד זי טוט זיך טיפער מערן אַלץ און מערן.

סיקאַמאָרן

מיין גאַס — די גאַס פוןביימער סיקאַמאָרן.
זיי זיינען נענטער מיר, ווי שכנים פון מיין הויז,
וואָס האַלטן גאַנצע טעג אַראָפּ די שטאָרן;
פון העלן טאָג איז נאַכט ביי זיי געוואָרן;
מיט „האַי" און „האַי!" באַגריסן זיי מיט דיר זיך בלויז.

ווי אַנדערש זיינען פרייע סיקאַמאָרן,
וואָס שטייען אויסגעשטעלט אויף זייטן טראָטואַר.
די בלעטער-האָר ביי זיי ניט אָפּגעשאָרן,
געדיכטע צווייגן פאָרן זיך און פאָרן,
זיי טוליען זיך צונויף ווען ס'דראָט אַ ווינט-געפאַר.

זיי זיינען שטאָלץ און הויך, דער שטאַם פון פייגן,
די בלעטער גלאַטיק, פריש, קאַרבירטע שפּיצן דריי.
פאַראַן געזונטער שמייכל אין זיי'ר שווייגן,
אַזוי פיל כוח אין די מוסקול-צווייגן,
פון ריי נאָך ריי עס שאַלט אַרוים: מיר זיינען פריי.

נאָך פאַלשן גלאַנץ פון טומלדיקע קראָמען,
נאָך אויטאָס ראַשיקן און רוישיקן געיעג,
עס טוען מיינע פיס צום אָפּרו שטראָמען,
צו גאַס וואָס טראָגט מיט פראַכט און גלאַנץ דעם נאָמען
פון ביימער סיקאַמאָרן אויפן לעבנס-וועג.

פון אינדערפרי עס הערן זיך געזאַנגען
העט־אויבן, צווישן גרינע בלעטער אויפן בוים.
דער כאָר פון סיקאַמאָרן האָט אָנגעפאַנגען
די לויטערע, די ליבע פויגל־קלאַנגען,
וואָס זיינען אָנזאָגער פון יוגנטלעכן טרוים.

איך ווייס ניט וואָס עס טוט זיך הינטער טירן
פון שכנים מיינע, שוין פון יאָרן, יאָרן לאַנג.
נאָר ס'וועט מיין בליק די ביימער גלייך דערשפירן.
עס טוט דער סיקאַמאָר אינטערעסירן
מיך יעדן טאָג אויף ברייטן טראָטואַרן־גאַנג.

דער שכן שווייגט. עס שווייגן סיקאַמאָרן,
און נאָענט איז דער בוים, נאָר מענטש איז ווייט, גאָר ווייט.
די ביימער האָבן אויגן גוטע, קלאָרע.
זיי וועלן בלייבן מיר אין מיין זיכּרון
און טרייסטן וועט דער גרינער צווייג אין שווערער צייט.

און בענטשן וועל איך הענט
וואָס האָבן צווישן ווענט
צוריק מיט יאָרן, יאָרן
פאַרפלאַנצט די סיקאַמאָרן.

באָמבעס זיינען טרערן

אָ, די שאַנד
פון לאַנד,
וואָס האַלט אין איין צעשטערן!

דער קין־צייכן אויפן שטערן,
וואָס ווערט אַלץ שאַרפער, שאַרפער.
דאָס לאַנד — דער באָמבע־וואַרפער,
דאָס לאַנד — דער דערפער־צינדער,
פאַרטיליקער פון מאַמעס, קינדער.

אויף זיין באַפעל מיט באָמבעס רעגנט,
עס ווערן אָפּגעווישט נאַטור פאַרמעגנס.
געוואָרן איז אַ נייער ספּאָרט —
באָמבעס, באָמבעס, באָמבעס מאָרד.

אָ, די שאַנד
פון לאַנד
עס ווערט זיין נאָמען דאָך צעשטערט
אויף אַלע טיילן פון דער ערד.
מיט די פינגער טוט מען טייטלען:
אָט די באָמבעס זיינען בייטלען
מיט פאַרבלוטיקט געלט
אויף בית־עולם פעלד.

ווי מען פויקט דאָס אין די טאַצן,
ווען די באָמבעס קראַכן, פּלאַצן.
נאָר עס זעט די וועלט און אַלע הערן,
ווי פון באָמבעס ווערן הייסע טרערן
און עס ווײנט די זון און עס קלאָגן שטערן

און זיי שווערן, שווערן, שווערן:
ניט פאַרגעסן, ניט פאַרגעבן
פאַר די ניט-פאַרלעבטע יונגע לעבנס.
די פייער-באָמבעס און גראַנאַטן
האָבן מענטשן-האַרץ פאַרראַטן.
מאָרד און באָמבעס, בלוט און מאָרד...
וואָגיקער פון באָמבע איז דאָס וואָרט.

ניט קיין וואַסער לויפט פון קראַן,
מאַמעס טרערן זיינען דאָרט פאַראַן.
ניט מיט כוואַליעס זילבערט אָקעאַן,
נאָר עס כוואַליען טרערן פון וויעטנאַם.

ווען די באָמבעס פּלאַצן,
טוט מען מתים שאַצן.
און מען שאַצט ניט אָפּ די טרערן.

ניט די באָמבעס, נאָר די טרערן
וועט די וועלט דערהערן.
פון די טיפטע לעבער
איבער העכסטע דעכער
טראָגט זיך ווידערקול פון יעדן אָרט:
מאָרד, מאָרד, מאָרד!

אָ, די שאַנד
פון לאַנד.
אָ, דער קין-צייכן אויפן שטערן,
פון וואַנען ס'רינען בלוט און טרערן.

באַלאַדע יידיש

א.

נישט פאַרלאַשן
האָבן וויכער־ווינטן פון די ווינטער־יאָרן
אונדזער מאַמע־לשון,
נישט אַנגעוואָרן
האָט שפּראַך פון באָבע־זיידע
איר חן כּסדר.

און ווי איז דעם, וואָס הערט קיין יידיש וואָרט נישט מער.
